# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 340) איין און צוואַנציקסטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט


די באַשריבענע וועגט, די אהבת־ישראל מאַרשן אין אדענאַוערס בערלין, דער גורל פון אייגענעם־פאַרפרעמדטן שעפערישן וואָרט ........ ** 1

נישט קיין יידן נישט קיין הינט (דערציילונג) ........ בריאַן גלאַנוויל 3

דער „בעטשעלער“ (דערציילונג) ........ יהודה ביעטש 7

אויף חרובע וועגן (שלוס פון קאַפיטל) ........ משה דאַמב 12

דער ווייטשעפּלער טראָטואַר, אַ לעצטער שפּראָץ, דער עמיסער נאָך בריטיש גויאַנאַ, אויף דער אינזעל (לידער און פּאָרטרעטן אין גראַמען) ........ א. נ. שטענצל 14

יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי־התלמוד ........ י. ריכטיקער 22

תהילים אין פּערזן ........ י. ביאַלסקי 28

אין דער בילדער־גאַלעריע (אַ בילדל) ........ רחל מירסקי 30

דורך מיינע אויגן (איינדרוקן פון נוי־יאָרק) ........ עלען ווינאָגראַד 31

לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 36

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 36


פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## יידישער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין אין לאָנדאָן און „פריינט פון יידיש“

ארדנען איין א קבלת־פנים פאר דעם באקאנטן יידישן שרייבער א. שולמאַן פון פאריז, לכבוד דעם דערשיינען פון זיין ניי בוך „דער הימל איז נאָך אלץ פאר די געטער“. דער קבלת־פנים וועט פארקומען זונטיק, דעם 31־טן יאנואר, 1960, 7.30 אוונט, אינם לאקאל פון דער „בן־אורי“ געזעלשאפט, פארטמען סטריט, נומער 14, ווו. 1.

א. שולמאן, ווי דער מיטרעדאקטאר פון דער פאריזער טעגלעכע צייטונג „אונזער שטימע“, וועט ריידן וועגן דער יידישן לעבן אין מאראקא, פערסיע, טערקיי, שפאניע, איטאליע, האלאנד און אנדערע לענדער, וועלכע ער האט באריזט אין אויפטראג פון די צייטונגען, אין וועלכע ער ארבעט.

א. שולמאן איז דער מחבר פון צוויי פריערדיקע ביכער: „געלעכטער אין דער נאכט“ און „שווארץ און ווייס“, וועמענס אריגינעלע עסייען און פעליע־טאנען האבן באקומען גוטהערציקע אפשאצונגען מצד די יידישע קריטיקער, צוליב זייער אייגנארטיקן תוכן.

חברים און פריינט ווערן איינגעלאדן צו דעם אינטערעסאנטן, ליטערא־רישן אוונט.

### סעמינאר פאר „קולטור און וויסן“ ווינטער 1959/60

ביי „פריינט פון יידיש לשון“, אַדלער־הויז, אדלער סטר. א.1

יעדן מיטוואָך פון 8 ביז 10 אַזייגער

מיטוואָך, דעם 27'סטן
לעקטאָר: שלמה אויערבאַך
טעמאַ: דער איוב־מאָטיוו (צווייטע לעקציע)

מיטוואָך, דעם 3'טן פעברואר
לעקטאָר: יעקב ריכטיגער
טעמא: די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד (דריטע לעקציע)

מיטוואָך, דעם 10'טן פעברואר
לעקטאָר: יוסף פרענקל
טעמא: די ציוניסטישע פרעזידענטן (צווייטע לעקציע)

מיטוואָך, דעם 17'טן פעברואר
לעקטאָר: דר. רבי ה. ראַבינאָוויטש
טעמא: די שעפערישע פערזענלעכקייט פון בעל־שום־טוב

---

**מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנא־מענט אַפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַ"בעט.**

---

**געדענקט די סעמינאר־אוונטן — יעדן מיטוואך 8 אזייגער.**

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- ~~L.5399~~ 870
LC.1035114

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 340) איין און צוואַנציקסטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1960 לאָנדאָן

## די באשריבענע ווענט

פון די צייכנס, פון די ווערטער אויף די ווענט,
דעם מנא־מנא־תקל פאַר דער וועלט כ'לייען אַרויס;
יאָ, עס איז ווייניק איצט שוין איין וואַנט, איין לאַנד,
אַ קללה עס קומט ווי די וועלט אַזוי גרויס.

נאָך דעם וואָס ס'איז געשען, נאָך דעם וואָס געווען,
קומט עס ווידער אָן דאָס שרעקלעכע, הזאות?
נישט דער שטן, נישט לילית, נישט דער טייוול —
גאָט אַליין לאַכט געוואַלטיק פון מיר אַרויס:

אָ, אז 6.000.000 זיינען ווייניק געווען,
וועט איצט 600.000.000 שוין מוזן זיין,
און ווייל אַזויפיל יידן דאָך נישט פאַראַן,
וועלן אַלע פעלקער אַצינד מוזן גיין,

נישט אין קרעמאַטאָריום, נישט אין גאַז־קאַמער —
אָן אָשוויץ־מיידאַנעק־טרעבלינקע — צו קליין!
גאַנצער ערד־קיילעך, אויב ס'גייט ווייטער אַזוי,
איין פאַרניכטונג־לאַגער וועט שוין איצטער זיין.

## די אהבת־ישראל־מארשן אין אדענאוערס בערלין

דאָס ענגלישע יודנום האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איבערגעריסן אינמיטן אַ זיסן חלום און דערזען די אותיות אויף דער וואַנט, מיט דייטשן נאַ־צי־צייכן און האָט זיך נעבעך זייער שטאַרק דערשראָקן. און די דניאלס, כביכול, יאָוויען זיך שוין: ס'איז רוסלאַנד, ס'זיינען די קאָמוניסטישע אַגענטן, זיי ווילן פאַרמישן אַ קאַשע... ס'זיינען די „טעדי־בויס“, זיי ווילן אַ בסיל וואָיעווען, רודערן איבער די גאַסן... וואס ווילט איר, קינדער שפּילן זיך נעבעך... ס'איז עגיפּטן, פון דאָרטן, פון מצרים קומט די מכה... ס'זיינען די כנענים, זיי ווילן, זיי ווילן... ס'זיינען די „אליי־טרופן“... ווי מען שרעקט זיך דאָס פאַרן שאָטן אויף דער וואַנט!...

די דייטשע יידן, מיט אַ 4 צענדליק יאָר צוריק, ווען די נאַצי־מגפה האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן נאָך געהאַט הומאָר, זיי האָבן נאָך נישט געהאט די בייזע דערפאַרונג, פון די דייטשן פון קריסטלעכן גלויבן, און האָבן נאָך צו די אַלע ס'זיינען, ס'זיינען... נאָך צוגעלייגט: „שולדיק זיינען די ראַד־פאַרער“.

ווייל איך נישט זיין א נביא און זאָגן: האָב איך נישט געזאָגט מיט 8 יאָר
צוריק, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די „גוט־מאַכונג“, מיט די „שילומים־
געלדער“, מיט די „רעפּערעשנס“, מיט די „קליימס“ — (יתרו'ס־נעמען האָבן די
נדן־מגיפה־געלדער אויפן די בית הקברות חתונות...) וויל איך נישט אָנהויבן
אין זאָגן: „איך האָב געזאָגט און געזאָגט, אַז פּורים טאָר מען נישט“.
איך וויל אויך נישט דערציילן פון שלעכטע דערפאַרונגען פון די „גוטע

דייטשן", די הויך-קולטיווירטע. וואָס דרייען זיך דאָ אין ענגלאַנד און אין אַלע לענדער אַרום אויף „גוט-מאַכונג"-שליחותן... צי ריידן פון הויך-פּאָליטיק: די קיילעכדיקע שיסל מיט קאָכענדיקער קאַשע, אַ פּעט-אויס-געשמאַלצענע, אַ הייס-פּאַרעדיקע און צווישן די קאָכלעפל אַרום זיצן מיר אויך שוין ווי אַ פאָלק צווישן די פעלקער — ככל הגויים!

מילא, אַז קוים איבער 14 יאָר, צוויי מאָל שבעה יאָרן, און די דייטשן זיצן אויך שוין אַרום די פּעטע קאַשע, און זייער פּרעמיער איז שוין — ווייל מיר האָבן אים מאָראַליש געהאָלפן, „אונזער בעסטער פריינד", פאַר די געלדער, וואָס ער שאַרט אונז צו — ווי זאָגט אַ ווערטל: „איין האַנט וואַשט די אַנדערע".

ס'איז אויך קלאָר, וואָס מיצקי דרינען, האָט עס קרופּ אויך נויטיק באַקומען מאָראַליש אונז צו צוואַרפן זיינע מיליאָנען... וואָרים אַחוץ זיינע, פלוצלינג, איצט דערפילטע מאָראַל, איז עס אויך שכלדיק אי אזוי און אי אַזוי: ראשית זאָל ישראל אים נישט קאַלע מאַכן דעם וועלט-מאַרק פון כלי-זיין הויך פּראָדוקציע... והשנית, זאָל די וועלט זען: איצט, ווען אַלע מלוכות שווייגן, ווען מ'שרייבט אין זייערע לענדער „יודן העראוס", אָבער ביי אונז אין דייטשלאַנד, ווי איז אויפגערעגט דאָס דייטשע קולטור-פאָלק, ווי מאַרשירן זיי אין די גאַסן מיט אהבת ישראל... איז טאַקע גוט צו אַזאַ מאַרש אַ טראַסקע צו טון, אַזוי, אַז ס'זאָל אַ קלונג טון: „ריבי פיש, געלד אויפן טיש"!

איז טאַקע אַלץ פיין און ווויל און שכלדיק און פאַרשטענדלעך, אָבער, אַז די פעלקער פון דער וועלט, פון אַמעריקע, פון אייראָפּע, פון די סאָוויעטן זאָלן זיך שוין לאָזן דיקטירן פונם דייטשן פאָלק, זיך לאָזן פירן ביי דער נאָז פון אירע „מאַניעוורעס", שפּירן איר פּאָליטישן דרוק? אַז זי זאָל דערפירן צום דרוק אויפן אַטאָם-קנעפּל — — — דאָס איז נאָך אַ קאַפּיטשקע צו פרי!

לאָמיר זיך נישט אַזוי איילן די פּעטע קאַשע איז נאָך אַ קאַפּיטשקע צו הייס.

זאָלן די „קאָכלעפל" זיצן אַ ווייל, צו וואַרטן, און אַז ס'איז זיי לאַנגווייליק, זאָלן זיי זמריתדיק אונטער ברומען „פרעגט די וועלט די אַלטע קשיא, טיידי-דיי-די-דיי", און זאָלן ביידע דייטשלאַנדס, וואָס מאַרשירן אַזוי מיט אהבת-ישראל פון איין זייט, און מיט מעטשלעכע גערעכטיקייט פון דער צווייטער זייט, אַנגיין בעסער מיט אַ ריכטיקע דערציאונג פון זייערע קינדער און זיי וועלן ממילא שוין נישט ברויכן מער אזוי הערואיש מאַרשירן, זיי וועלן פאַלן אויף זייערע פּנימער פאַר בושה און תפילה, טון פאַר די זינד פון זייערע טאַטעס.

יאָ, אַז זייערע טאַטעס וועלן באמת תשובה-טאָן, „בייכטן", נישט קירלעך-פרום קלינגען מיט דער „גוט-מאַכונג" געלד-זאַמלונג, וועלן זייערע קינדער עס דערפילן און גיין אויפן ריכטיקן וועג און נישט ברויכן אַזוי האָפערדיק צו מאַרשירן אויף די זעלבע גאַסן, וווּ זיי האָבן אַזוי „האַרסט-וועסלדיק" מאַרשירט — „אין קטיגור נעשה סניגור"! די סטראַטעגישע-מאַרשן הילכן העזהדיק אזוי אונטער די נאָך נישט אויסגעטרוקנטע בלוט-פאַרשמירטע שטיוול.

## דער גורל פון פאַרפרעמדטן שפּעריישן וואָרט

עכטע קונסט איז התגלות! עס עפנט זיך די נאַטור אין מענטש — זי צעשפּיגלט זיך אַן אספּקלריה-המאירא, אָדער מען ענטפּלעקט די פינסטערסטע מעמקימדיקייט אין זיך, מ'איז זיך מתוודה.

צווישן אייגענע, אַז מען טוט עס, באַווייזט מען די קראַפט! אַן אַטלעט שטייט מען אויף דער אַרענאַ, בעיובלט, מיט בלומען באַוואָרפן און באַקראַנצט; אַ פרעמדער — ווערט מען אַ גלאַדיאַטאָר געוואָרפן אונטער די לייבן-גראַטעס;



די צוקוקערס צעכלינען זיך פון אַ סאַדיסטישע תאווה.

אָסקאַר ווײַלד, זשאַן זשאַק רוסאָ, טאָלסטאָי, ווען זיי זיינען זיך מתוודה זיינען זיי די הייליקע פון זייערע פעלקער, ווען אַ ייד זאָל אַזוינס טאָן — נישט אין העברעאיש אָדער אין יידיש! — איז ער אַן „אומפּאַשעמטער שמוציקער ייד".

אונזערע נביאים דאָס ערגסטע האָבן זיי אונז געזאָגט און זיי זיינען אונזערע הייליקסטע, זאָל אַ פרעמדער אונז אַזעלכע ווערטער צוואַרפן, איז ער דער ערגסטע שונא ישראל. און וואָס האָט אונז נישט אַלץ מענדעלע צוגעשריבן.

ברייאַן גלאַנוויל, וועמענס דערציילונג מיר דריקן דאָ איבער, פון לעצטן נומער „דזשואיש קוואָרטערלי", אין אַ יידישער איבערזעצונג, איז אָן שום ספק פון די טאַלענטירסטע יידישע שרייבער וואָס שרייבן אין ענגליש. „ווי שיין וואָלט זיין ליד אונז געקלינגען, ווען ער זאָל יידיש פאַר יידן זינגען". צי די ענגלישע יידן וועלן האָבן די נאַטור-כוחות, אויף זייערע פּלייצעס אַזאַ טאַלענט אויסצוטראָגן איז נאָך אַ ספק, אָבער, אויב ער וועט כח האָבן צו ווערן אַ באַוווסטער ענגלישער שרייבער, וועט נישט איין ענגלישער טאַטע, צוויי-דרייטיק אָנווייזן זיין דערוואַקסענער טאָכטער: לייען דאָך די דערציילונג און דו וועסט וויסן ווי אומצוגיין מיט דער דאָזיקער ראַסע...

דער גורל פונם שפּעריישן-פאַרפרעמדטן וואָרט, איז ווי דער דאָבּרי-מזל פון אַ פאָלק, וואָס פאַרלירט זיך אין דער פרעמד.

ברייאַן גלאַנוויל

## נישט קיין יידן נישט קיין הינט

כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע פאַסקודנע מעלדונג אזוי לאנג ווי איך וועל לעבן. איך בין בלויז אלט געווען אן ערך צוואנציק, און בין אראפּגע-פארן קיין מארגייט מיטן מיידל, מיט וועמען כ'האב צופעליק געשלאסן א באַ-קאנטשאפט. איך האב מיך דעמאלט געפילט אין דער סאמע בעסטער שטימונג אין דער וועלט, איר ווייסט דאך ווי מען פילט זיך אין די יארן — דערנאך בין איך אריין אין הויז און דאס דערזעען.

אודאי האב איך זי באוואויגן זיך פון דארטן ארויסצוציען אין דער אותה רגע. האסט דאך געזעען יענע מעלדונג, האב איך איר געזאגט, פארוואס זשע האסטו באשלאסן דא צו וואוינען, און זי האט מיר געענטפערט, „דו, דזשאו, ביסט דאך גאנץ אנדערש". דו ביסט גאנץ אנדערש. ווען איך האב כאטש איין פונט פאר יעדעס מאל, ווען כ'האב דאס געהערט, וואלט איך איצט געווען רייך.

די מעשה מיט דזשיל יענעם אוונט האט מיך געטריבן צו האלטן אין איין טראכטן איבער אט דעם אלעם. ניין, זי אליין האט קיינמאל מיר נישט געזאגט עפּעס ענלעכעס; זי אליין האט דערפון נישט געמאכט קיין וועזן, און דאס איז מיר אלעמאל געפעלן; וואס איז אויך געווען איין סיבה פארוואס איך האב אנגעהאלטן מיט איר אזוי לאנג. אבער ווען זי איז צו מיר צוגעשטאנען און געזאגט, אז זי וויל מיט מיר חתונה האבן אדער, האב איך ארויסגעפּלאצט אין א געלעכטער. „וואס, איך?" האב איך געזאגט, „איך זאל נעמען א שיקסע?"

„ביסט דאך נישט קיין פרומער ייד!" האט זי געזאגט.

„אודאי בין איך נישט״, האב איך געענטפערט, „פרומקייט איז נישט קיין ענין פאר מיינעטוועגן, נאר וואס געהערט זיך דאס אן מיט דעם ?״

„דו וועסט מיט קיינעם נישט חתונה האבן, דו שרעקסט דיך פאר דעם״, האט זי ווייטער געטענהט. וועסט אפילו נישט חתונה האבן מיט קיין יידיש מיידל אויך נישט״.

„ביסט גאנץ גערעכט, אז איך וועל נישט,״ האב איך איר געגעבן צו פאר־שטיין, „וואס, נעמען א צויג, וואס פארלאנגט דו זאלסט פאר איר ארבעטן עבודת פרך, איר געבן דאס טעלערל פון הימל, און דערנאך וואס האסטו דער־פאר ?״

„אויב אזוי, אויב דו ווילסט נישט מיט מיר חתונה האבן, גיי איך פון דיר אוועק. אונזערע באציאונגען האבן שוין אנגעהאלטן צו לאנג״.

„גאנץ גוט״, האב איך געזאגט, „קענסט גיין״, וויסנדיק ביי מיר, אז זי וועט צוריקקומען.

„איך בין אנטשלאסן״, האט זי געענטפערט, „און דו מוזט ביי דיר באשליסן אזוי צי אזוי. איך בין שוין צוויי און דרייסיק און דאס קען מער ווייטער נישט אזוי אנגיין ; ס׳איז נישט ריכטיק. חוץ מזה, ביסטו אליין שוין אין די פערציקער. וואס מיינסטו דו וועסט כסדר געפינען פרויען, וואס וועלן וועלן פון דיר ליידן אזוי ווי איך ?״

„גאנץ גוט״, האב איך ווייטער געזאגט, „איך וועל שוין אליין זען צי איך וועל יא געפינען צי נישט. נאר חתונה האבן מיט דיר וועל איך בשום אופן נישט. ס׳איז מיין לעצט ווארט״.

ווען איך האב דאס געזאגט איז איר פנים געווארן ווייס ווי קרייד און זי האט זיך אנגעטון דעם מאנטל און איז ארויס פון דער וואוינונג. „אויב וועסט וועלן מיך געפינען, ווייסטו וואו מיך צו זוכן״. אזעלכעס האט זי שוין אמאל געהאט געטון, האט עס מיך איצט נישט צופיל געארט. דאך האט עס מיר וויי געטון : עס איז געווען א זאך, וואס איך האב נישט דערווארט. כ׳האב מיר אנגעגאסן א גלעזל בראנפן און גלייך מיך געלייגט שלאפן. נאר ווען כ׳בין שוין געלעגן אין בעט האב איך בשום אופן נישט געקענט איינשלאפן. דו ווייסט דאך ווי דאס געשעט טיילמאל ; די מחשבה האלט דיך כסדר וואך מיט פאסירונגען אמאל, און קענסט דיך נישט בארואיקן.

איך האב אפילו געטראכט פון דער שולע, און דאס איז שוין געווען ס׳ערגסטע : איך האב געהאסט די שולע, דאס פאסקודנע מקום וואוהין מען האט מיך געשיקט, אזש קיין איסטבארן ; איך בין דארט געווען דער איינציקער ייד. איך געדענק ווי א געוויסן טאג האב איך בעסער און פריער געענטפערט אויפן לערערס פראגעס ווי אלע אנדערע אין קלאס, און דער לערער, עפעס אן אנטי־סעמיטישער ממזר, האט א זאג געטון, יא, גאלדמאן, מיר ווייסן גאנץ גוט ווי דיין ראסע קען ארויסווייזן וואס זי קען״. איך האב אים א ווארף געטון א טינטורן און מען האט מיך דערפאר געשלאגן. צווײמאל בין איך פון דארטן אנטלאפן, און צום סוף האט מיך מיין טאטע אהיימגענומען און מיך געשיקט



אין אן אנדערער שולע אריין. דאס איז שוין געווען איינמאל א גוטער טאטע. טאמער האסטו אים צוריקגעענטפערט, האסטו אויפן ארט געקריגן די ריכטיקע עליה ! מיט אים שפילט מען זיך נישט.

ער פלעגט מיר זאגן, דזשאו, געטרוי זיי קיינעם נישט, די גוים, ווי גוט זיי זאלן נישט זיין צו דיר, ווייל איין מינוט איז ער דיר א פריינט און אַ מינוט שפעטער — איז א פּאָגראם. ער האט שוין גוט געוואוסט וועגן פּאָגראמען, ר׳האט געלעבט אין פוילן ביז איין און צוואנציק. נאר מיר האט ער נישט געדארפט דערציילן ; איך האב אליין אלץ אויסגעפונען.

למשל, ס׳ערשטע מאל כ׳בין געגאנגען מיט א פרוי. זי איז געווען א פראנ־צויזישע הור אין סאהא מיט פעראקסידירטע האר און ציצן ווי ארבוזן ; און איך א בחור פון זיבעצן און פארשטייפט פון פחד. הכלל, מיר זענען אריין צו איר אין צימער און איך האב מיךאויסגעטון. זי האט בלויז איין קוק געטון אויף מיר און געזאגט, „דו א ייד !״ דאס איז געווען מיין סוף — איך האב שוין גארנישט געקענט טון. נאר ווען זי האט פארלאנגט געלט האב איך איר געגעבן א שטויס אין א זייט און בין ארויס.

פאלאקן, פראנצויזן, אלע איין פאסקודנע מין, ווייל טיף טיף ביי דיר גלויבסטו נישט, אז אפילו די ענגלענדער זענען אנדערש ; אדער גלויבסטו יא, הא ? מיינסט ס׳וואלט דא נישט געקענט פאסירן צומארגנס, אויב אסך מענטשן וואלטן זיך ארומגעדרייט ליידיק אן ארבעט. זעסטו זשע, אז מען קען נישט יידן פאראורטיילן פאר וואוינען אין געטאס. פארוואס טאקע האבן טענות צו זיי ? מינדעסטנס דארטן ווייסן זיי דאך, אז זיי זענען צווישן אייגענע.

כ׳האב א פלימעניק, וואס מאכט מיך לאכן ; מיין ברודער דזשעקס זון. ר׳האט געמאכט אסך געלט נאך דעם ווי ער האט מיר אויסגעצאלט מיין חלק פון געשעפט, און אים האט ער געשיקט קיין אקספארד ; איצט ווייסט דער יאט אלצדינג. יידן זאלן זיך אסימילירן. יידן, וואס ווילן זיך נישט אויסמישן, זאלן פארן קיין ארץ־ישראל. כ׳האב אים געזאגט, אז איך האב נישט אזא פאסקודנעם חשק צו וואוינען אין ישראל, כ׳וויל אפילו נישט זעען ווי דאס לאנד זעט אויס. „אויב אזוי״, האט ער געזאגט, „אויב דו ווילסט דארט נישט לעבן און גלויבסט נישט אין יידישקייט, פארוואס זשע ביסטו קעגן געמישטע חתונות ?״

„פארוואס איך בין קעגן ?״ כ׳האב אים געזאגט, דעם יאָלד, דעם קליינעם שניפ. „כ׳על דיר זאגן פארוואס כ׳בין קעגן ; איך בין נישט גרייט צו קושן דעם פוס, וואס האט געטרעטן אויף מיר. דאס איז אלץ. דו קענסט אויב דו ווילסט — נישט איך״.

דו ווייסט קיינמאל נישט ווען ס׳וועט געבן א קריך ארויס. איך געדענק ווי איינמאל פאר דער מלחמה זענען מיר דריי חברים אראפגעפארן צו ים אין אן אויטא, טשארלי און סעם און איך. מיר האבן זיך אפגעשטעלט ביי א גאראזש קויפן בענזין, הינטער אונז איז אנגעפארן אן אנדערער אויטא פול מיט מענטשן און איינער פון זיי האט א זאג געטון, „באדין אונז פריער, נישט די יידן״. איך בין ארויס פון אויטא און בין אריבער צו יענעם ; כ׳געדענק נאך גאנץ

גוט דעם בליק אויף יענעמס פנים. ער האט זיך גארנישט גערירט, אז אזא היכער יונג וועט ארויסקומען פון אזא קליינינקן אויטא, ווי א „בעיבי מאריס“. דורכן אפענעם פענסטער האב איך אים דערלאנגט א זעץ, און בין דערנאך צוריק אריין אינם מאריס־אויטא און מיר זענען אפגעפארן. יענע האבן אפילו קיין ווארט נישט ארויסגערעדט.

יעדעס מאל איך הער אזעלכעס נוץ איך מיינע פויסטן; אמאל האב איך איינעם צעבראכן די נאז אויף א פארטי פאר אן אנטיסעמיטישער באמערקונג. היינט בין שוין נישט מער אזוי יונג, נאר אפילו היינט וועל איך עס נישט פארשווייגן טאמער זאגט מיר עמיצער עפעס אזעלכעס, עס מאכט נישט אויס ווי הויך ער זאל נישט זיין. דזשיל קען דאס נישט פארשטיין.

כ׳האב מיך באגעגנט מיט איר אין א קלוב אויפן וועג קיין מערב ענגלאנד א געוויסן אוונט, ווען כ׳בין אהין ארויסגעפארן זעען וואס מ׳קען פאקן. זי איז דארט געווען מיט א פריינדין, האב איך זיי ביידן געשטעלט משקה און דערנאך זיי אהיימגעפירט. די צווייטע נאכט זענען מיר שוין געגאנגען אין בעט אריין. זי איז אינטעליגענט און זעט אויס גאנץ שיין, נאר מען קען זי נישט פארגלייכן מיט יענע, וואס כ׳האב געהאט פאר דער מלחמה. ס׳איז ביי מיר געווען אריין און ארויס פון בעט כסדר די גאנצע צייט.

ווען מיין טאטע איז נישט געווען אין דער היים פלעג איך מיר בארגן זיין אויטא, און נאך זיין טויט ווען כ׳האב אנגעהויבן פארדינען מער געלט אין דעם פארלויזיקטן געשעפט, האב איך מיר געקויפט אן אייגענעם אויטא. כ׳וואלט דיר געקאנט דערציילן אסך אינטערעסאנטע מעשיות וואס האבן דע־מאלט פאסירט אין פאדינגטאן. אפילו איצט מוז מען שטוינען איבער וואס מען קען קריגן, אז מען פארט ארום אקספארד סטריט און רידזשענט סטריט ווען ס׳ווערט טונקל. אויב איינע וויל נישט, איז עס זיכער, אז די צווייטע וויל יא; אפשר ציט עס זיי אזוי צו אן אויטא.

איין זאך וועל איך אבער יא זאגן דזשיל לשבח, זי איז נישט ווי אסך אנדערע; זי פלעגט קומען אכטונג געבן אויף מיר ווען כ׳בין געלעגן קראנק. האט געקאכט און געטון יעדע זאך. אויב זי גייט טאקע אוועק פון מיר, וועט עס מיר באנג טון. כ׳לייקן עס נישט. נאר זי קען נישט זאגן, אז כ׳האב עס איר נישט געזאגט פון אנהויב אן. אויף וויפל עס געהערט דיך און מיך אן, האב איך איר געגעבן צו פארשטיין, איז חתונה האבן אויסגעשלאסן, אויסגעשלאסן! מעגסט פארגעסן דערין. נאך א קורצער צייט האט זי אנגעהויבן קומען צו מיר פיר פינף מאל א וואך, און געבליבן איבער נאכט אנשטאט וואס פריער פלעג איך זי אפפירן יעדע נאכט אהיים. קאמיש, ווייל געוועגלעך האב איך נישט ליב געהאט, אז זיי זאלן איבערנעכטיקן ביי מיר. אפגעטון וואס מען דארף, איז גענומען דיין פעקל און געהולכט. נאר אפשר וועט עס דאך זיין א גוטע זאך טאמער מיינט זי עס נישט, ווייל מיט איר איז עס עפעס געווארן א געוואוינהייט. טויג עס טאקע נישט ווען מ׳הויבט אן זיך צו פארלאזן אויף איינער אזויפיל, מען ווערט עפעס אפהענגיק פון איר, זי שליסט שוין אויס אלע אנדערע, דערנאך



גיט זי דיך א פארלאז און — א סוף! האסט מער קיינעם נישט.

נאר טאמער קומט זי צוריק צומארגנס און שטעלט זיך פאר מיר אויף אירע פארפלוכטע קני, וועל איך אַלץ מיט איר נישט חתונה האבן, אזוי אייזן־פעסט בין איך ביי מיר. וואס מיינט זי עפעס? נישט קיין יידן און נישט קיין הינט; ס׳איז מיר נאך פריש אין זכרון.

## יהודה ביעטש

## דער „בעטשעלאר“

צו זאגן, אז מאריס קליגערמאן איז געווען א חכם־עתיק, א קאפ־מענטש, דערמיט וואס ר׳האט אין עטלעכע יאר אויפגעבויט אזא רייך יואוועליר־געשעפט אין היי־סטריט, קענזינגטאן, וואלט געווען שטארק איבערטריבן. נאר דעם אמת געזאגט איז ער יא געווען אן אמביציעזער מענטש, מיט אסך ענערגיע. מחמת דעם האבן ארום זיין פערזאן זיך געשפינט פארשיידענע קלאנגען און מיינונגען. מען האט אפילו אנגעהויבן אויסרעדן אויף אים, אפלאכן פון זיין פירונג. אבער וואס געהער זיך אן איינס צום אנדערן? דער עיקר... ער איז א גוטער געשעפטסמאן!

מאריס איז שוין געווען א בחור ווייט אריבערגעפארן די פערציקער יארן, מיט א גלאנציקן פליך אויפן קאפ און ביי די זייטן פון זיינע שלייפן האבן זיך אנגעזעען א היפש ביסל גרויע האר. קליינגעוויקסיק; און וואס ס׳האט אים אויסגעפעלט אין דער הויך, איז אויסגעפילט געווארן אין דער ברייט; מיט קלארע, טיפע, קארע־אויגן, וואס נעמען יענעם דורך און דורך... אזש א ציטער לויפט איבערן לייב. און דאך האט ער פארמאגט עפעס סימפאטישעס, וואס האט איינעם געצויגן צו אים.

אין דער דאזיקער געגנט איז קליגערמאנס געשעפט געווען ווי א מאג־נעטישע קראפט, ספעציעל פאר פרויען — צוליב צוויי טעמים: ראשית, האבן פרויען, בכלל, א שוואכקייט שנעל אריינצופאלן אין גרויס התפעלות פאר יעדער בלישטשענדיקער זאך, א פשיטא פאר שיינער צירונג; והשנית, די גרויסע אויסוואל פון שנירלעך פערל, בראסלעטן און דימענטענע פינגערלעך, בפרט, האבן געלאקט און גערייצט דעם באגער ביי די דורכגייענדיקע פרויען.

זער אפט, כמעט טעגלעך, פלעגט סוזען אריינקומען אין געשעפט; אן אריסטאקראטיש מיידל, פון א יאר צוואנציק, מיט א געלאקטן קאפ גאלדענע האר, און א פריש ראז פנים. זי איז געווען אפנהארציק, מיט א פרייער נאטור — א מיידל פול מיט לעבן און גלאנץ. זי האט אבער געהאט א מיאוסע טבע צו בייסן די נעגל פון איר רעכטער האנט בשעתן ווערן אנטציקט פון עפעס אן אנטיק אדער פון א שטיקל צירונג א שיינס, אזש די פארבן פלעגן זיך ביי איר בייטן יעדע מינוט. ס׳האט געמאכט דעם איינדרוק ווי עפעס בליצט דורך אין איר מחשבה... וואס יאגט די בלוטן איר אין פנים אריין.

— אפשר, — האט עס זי א ברען געטון. — זאגט מיר, מר. קליגערמאן, דעם אמת... איר זענט נאך א „בעטשעלאר“? למשל, ווען ס׳טרעפט זיך

אייך אן אינטעליגענטע פרוי, וואלט איר חתונה געהאט ?

מאריס האט דערפילט, אז אין די שלייפן ביי אים האט עפעס גענומען האמערן. ס׳איז אים געווארן הייס. ער האט זיך פלוצלונג דערמאנט דעם זאג פון זיין פאטער בעת ער האט תמיד אפגעווארן יעדן שידוך, וואס מען האט אים אנגעשלאגן. דער אלטער ר׳ זעליג קליגערמאן פלעגט ביי די דאזיקע מאמענטן א שטארקן זיפץ טון און אויסרופן :

— איי מאריס, מאריס, לא טוב היות האדם לבדו !

זיין מוטער האט בשעת די דאזיקע שמועסן געבלינצלט מיט אירע גרויסע, וואסערדיקע אויגן און פרום צוגעגעבן,

— רבונו־של־עולם, אליין זאל זיין א שטיין !

דער ברייטער שטערן האט ביי אים זיך גענומען קנייטשן. „וואס איז דאס אינמיטן פאר א פראגע" — האט ער ביי זיך געטראכט. „עי טשיעק פראם עי גירל, אן אומדערהערטע חוצפה פון א מויד ! נישט בחינם פלעגט מיין מוטער זאגן, לאז אריין א חזיר אין שטוב, וועט ער דיר קריכן גלייך אויפן טיש !"... מאריס האט איר גלייך געענטפערט, אז ר׳איז א „בעטשעלאר", און אז א בעטשעלאר וועט ער פארבלייבן. ער האט, ווי זיין שטייגער, טיף זיך פארנייגט, — אדאנק אייך פאר דער פראגע. איך האלט נישט פון קיין הייראט.

דאך האט איר דירעקטער ארויסרוף אים שטארק באאומרואיקט. „פאר וואס האט זי מיך פלוצלונג געפרעגט צי איך בין נאך אלץ א בעטשעלאר ?"

פון דעמאלט אן האט פאר זיינע אויגן תמיד זיך געדרייט איר געשטאלט, און נישט געוואלט אפטרעטן. זי איז אים גוט באקאנט, און ער פילט צו איר עפעס אזעלכעס, וואס ר׳האט נאך קיינמאל נישט געפילט צו קיין אנדער מיידל... ער האט זיך אבער אנגעשטרענגט נישט צו טראכטן מער פון דעם. און יעדעס מאל, ווען פאר זיינע אויגן פלעגט נישט־ווילנדיק ארויפשווימען איר געשטאלט, האט ער מיט באנייטן אייפער, בלב־ונפש זיך אריינגעווארפן אין ספארט. ועל כולם ווידער זיך גענומען צו זיין אלטער שוואכקייט — צו זאמלען פאסטמארקן און אריינקלעבן זיי אין א גרויסן אלבום.

ס׳פלעגט טרעפן, אז מאריס האט אמאל ביי א צופאל געקריגן א „סטעמפ" פון גרויסן ווערט, א יקר המציאות. האט ער פאר גרויס חדווה געגעבן א „קאקטעיל פארטי" פאר זיינע פריינט אינם הויז אין בראנדזבורי, וואו ער האט געוואוינט און ביים גלעזל משקה זיך שטארק משמח געווען.

די פיין־מעבלירטע שטוב, וואס איז בעת זיינע עלטערן האבן געלעבט געווען א מין בית־ועד לחכמים, איז איצט, אין אזעלכע אוונטן, אויסגעפילט געווארן מיט א פלוידעריי וועגן פערד־געיעגן, הינט, פוטבאל און פרויען ; און אלע צוזאמען פלעגן ביי יעדן אנדערן גלעזל שארפער משקה מיט הויכע קולות זינגען :

— „הי איז עי דזשאלי גוד פעלאו ! הי איז"... — און דער „סאו אלל אוו אס" האט מיט א באזונדערער לעבעדיקייט זיך אריינגעשניטן אינם אוויר פון דער שפעטער נאכט.



זיין באליבטע טעמע, אויף אזא פריילעכן אוונט, ספעציעל ווען ר׳איז געווארן בגלופין און באקומען גלאנציקע אויגן, ווי ביי א קאץ, פלעגט זיין זיך צו נעמען ווערטלען און וויצלען איבער דער טפשות פון פארהייראטן לעבן. אמאל האט ער א קלאפ געטון זיין פריינט, דזשעק, איבער דער פלייצע און, מיט זיין מערקווירדיק שמייכעלע, אים איינגערוימט בלחש, אז „וואס שייך פרויען, קענסטו מיט א בלישטשענדיקן „נעקלעס" אדער א דימענטן פינגערל די שענסטע פרוי אונטערטעניק מאכן".

— יא, — האט ער געזאגט, — די פרוי זוכט מיט אלע מעגלעכקייטן צו קריגן אלץ, וואס ס׳לעבן קען נאר געבן. איר הויפט־פראבלעם איז, אלס מיידל, צו קענען אפקלייבן און, אלס פארהייראטע פרוי, צו קענען הערשן איבערן מאן. נאו, מערי ! ניין, דזשעק, נישט פאר מאריס קליגערמאן !

האבן טאקע די עלטערע מענטשן פון דער דאזיקער געגנט זיך געחידושט,

— ס׳טייטש, א מאן ווי מאריס, מיט אזא שיין הויז און א גוטע ביזנעס, קען געבן א ווייב א פרנסה בריווח און וויל נישט חתונה־האבן !

די פרויען, וועלכע זענען געווען נאענט באקאנט מיט מאריסעס עלטערן, האבן נישט אויסגעמיטן קיין שום געלעגנהייט אים צו דערמאנען, אז ר׳איז שוין אן אלטער בחור, און זיך באמיט צו רעדן אים א שידוך.

— שיינע מיידלעך, יונגע מיידלעך, יחוס !

נאר אלעמאל דאס זעלביקע,

— ניין, און ניין ! נישט פאר מיר !

געהערט א מעשה ? ר׳האט זיך אריינגענומען א משוגעת אין קאפ צו פארבלייבן א „בעטשעלאר" !

— נו, נו, שוין געזעען די לייט, — האט העלען, א גראבע יידענע, וועלכע האט געקענט מאריסן לאנגע יארן, פארצויגן אירע שמאלציקע, רויט־געפארבטע ליפן, און מיט א מין געמאכט געלעכטערל א זאג געטון צו אירס א באקאנטער פרוי. — איר הערט ? דאס הארץ זאגט מיר, אז דער אלטע בחור, מיט זיינע אויסטערלישע גענג, איז צו „קאקי"... צו זיכער ביי זיך. איך רעד אים א שידוך מיט א יונג מיידל א גאלד, פון א נגידיש־שיינער, יידישער פאמיליע, און ער — גארנישט ! פארנייגט זיך, מעשה פראנט. א דאנק אייך פאר דער טרחה, א דאנק. איך האלט נישט ביי קיין שידוכים...

— „מארק מיין ווארט", — זאגט די אנדערע, — אז דער שוטה בן־פיקהאלץ וועט נאך אמאל אריינפאלן אין אזא פלאנטער, אז ער וועט האבן צו זינגען און צו זאגן !...

פונדעסטוועגן האט ער דאך געבראכן זיין בחורשאפט.

פאסירט האט עס א זומערדיקן פארנאכט אויף זיין געוויינטלעכן שפאציר אין קענזינגטאן גארדנס. די אונטערגייענדיקע זון האט, ווי א פייערדיקער גרויסער באלעם, זיך געזעצט אין מערב, איבערלאזנדיק א רויטלעכן אפגלאנץ, וואס האט געשפרייט אין דעם עק הימל גאלדענע און פורפורנע פאסן. די שפיצן פון די דיק־צעוואקסענעביימער האבן פונם אנקומענדיקן קילן ווינטל צעוויגט

זיך, פרום־גערוישט, ווי זיי וואלטן געזאגט תפילה־זכה.

אין אזא אוונט האט מאריס קליגערמאן באגעגנט דאס צוואנציק־יעריקע מיידל. איר געלאקטער קאפ גאלדענע האר, געכאפט פון א לעצטן פארגייענדיקן זונענשטראל, האט איר געשטאלט געמאכט דעם איינדרוק ווי א שטיק געזאנג, וואס בארוישט און וועקט גלוסטיקע, פארכישופטע פאנטאזיעס.

— האלא, סוזען, „גלעד טו סי יו״! שוין לאנג דיך נישט געזעען ביי מיר אין געשעפט. הא. איך האב לעצטנס באקומען עטלעכע גאר זעלטענע אנטיקן. אויב דו ביסט אינטערעסירט, וועל איך זיין גליקלעך זיי דיר צו ווייזן...

ביי די ווערטער האט עפעס אין זיין הארץ אויפגעציטערט. ער האט געהאט דאס געפל, ווי עמיצער וואלט איס א שטויס געטון מיטן עלנבויגן און אים איינגערוימט,

— געדענקסט דיין מוטערס באזארגטן בליק בשעת ס׳איז געקומען צו רייד וועגן א שידוך, האבן אן אייגענעם היים, פאמיליע און ועל־כולם האבן אן אנלען ?... ווי זאגט מען, אליין זאל זיין א שטיין!

מאריס האט זיך ארומגעקוקט, גלייך ווי ר׳ וואלט עמיצן געזוכט. שטאמלענדיק, האט ער זי געפרעגט,

— און וואו איז דיין „באי־פריענד״ ?

— א, דו מיינסט טאני דעם גיטאריסט ? שוין לאנג אים נישט געזעען...

געראנגלט ווי א פיש אין א נעץ צווישן ליבע און באקוועמלעכקייט אין לעבן, האט סוזען באשלאסן צו קריגן א מאן מיט אסך געלט און האבן א גוטע ווערלט ; דאס הייסט גוט עסן און טרינקען, שיין קליידן זיך און פראווען ברידזש־ מיט קריסטמעס־פארטיס.

קיצור הדבר, צומארגנס האבן שוין אלע געוואוסט, אז זיי זענען חתן־כלה! און נישט געקוקט אויף די ווארנונגען פון זיין פריינט, דזשעק, אז דאס איז נישט קיין פאסיקער זיווג — ראשית, איז סוזען נישט קיין יידיש קינד ; שנית, האט זי געהאט א באי־פריענד שוין אלאנגע צייט — האט גארנישט געהאלפן. ער האט זיך פשוט נישט געוואלט רעכענען מיטן צווייפלהאפטן עבר, וואס קען בשום אופן נישט אנפילן די קעגנווארט מיט גליק.

— קיינער קען נישט וויסן וואס ס׳קען אמאל פאסירן! — האט ער געטענהט...

— והשלישית, — האט דזשעק אים נישט אפגעלאזט, — ביסטו דאך אסך עלטער פון איר!

מאריס האט א שעלמישן לאך געטון ווי איינער, וואס וויל זיך ארויסדרייען פון א קלעם.

קורץ און גוט, מיט א דריי חדשים שפעטער האבן זיי חתונה געהאט. אמת, די חתונה איז געווען א שטילע, א ציווילע אין א רעדזשיסטער־אפיס אן שום באפוצונגען. אבער סוזען האט באלד גענומען די הערשאפט אין איר האנט אריין. קודם־כל די שיין־מעבלירטע צימערן פארוואנדלט אין א מין גרויסארטיקן סאלאן, וואו ס׳זענען אפט זיך צו זאמענגעקומען אירע פריינט אויף



ברידזש־פארטיס און, מכלומרשט, צו הערן סוזען שפילן אויף דער נייער פיאנא.

לכתחילה איז דאס אלט־יונגע פארל געווען גליקלעך. מען קען נישט זאגן גליקלעך אין פולן זינען פון ווארט, נאר דאס, וואס האט אויסגעפעלט צו אן אידיליש לעבן, האבן די טייערע צירונג, וועלכע מאריס האט איר תמיד געברענגט, דערגענצט...

די צייט איז געגאנגען שנעל איר וועג, און נישט־ווילנדיק האט אין סוזענס מחשבה זיך אפגערופן א טיף־נאגנדיקע בענקשאפט נאך די אוונטן, ווען איר באי־פריענד, טאני, פלעגט אויף דער גיטאר אויסזינגען פאר איר זיינען ליבעסגעפילן!

נאר דאס ערגסטע פאר איר זענען געווען די שלאפלאזע נעכט. איר הארץ פלעגט אין די דאזיקע נעכט אויפציטערן אויס מורא טאמער האט טאני שוין אן אנדערע, און ער האט זי מער נישט ליב... סוזען האט אין איר איצטיקן קרענקלעכן צושטאנד ממש פארגעסן צו זיין פארזיכטיק. אויף די פראגן פון מאריסן וועגן איר פארשוואונדן ווערן אויף האלבע נעכט, האט זי מיט א זויער פנים אים געענטפערט, אז מחמת לאנגווייליקייט האט זי באשלאסן צו באנייען אירע לעקציעס אויף דער פיאנא... פון דעם צווײדייטיקן בליק פון זיינע פארשנדיקע קארע־אויגן, האט זי זיך געגעבן א שאקל אפ, ווי איר הינטל ארויסקומענדיק פונם וואסער.

א טרויעריקער שמייכל האט זיך צעגאסן אויף איר פנים... זי קען נישט מער און וועט נישט מער וואוינען מיט אים. די מחשבות האבן ביי איר ארויסגערופן א געפיל פון רחמנות צו זיך אליין. זי האט, ווי תמיד, אומבאמערקט ארויסגעשארט זיך אינדרויסן, וואו זי האט דערווארט איר באי־פריענד.

א פארחלומטע, מעלאנכאלישע נאכט זיך געשפרייט אין דעם שוואכן שיין פון די שטערן. סוזען האט א טיפן זיפץ געטון און פארטראכט צוגעהערט זיך צו טריט, וואס האבן זיך כסדר דערנענטערט. איר הארץ פון עפעס אומדערווארטעטעס א צאַפל געטון. זי האט פון פרייד געלאכט און געוויינט צוזאמען, וויגנדיק זיך אין דער לופטן, אין דער אייביקייט...

טאני האט פלוצלונג איר האסטיקן אטעם דערפילט, אירע ליפן אויף זיינע, געהערט איר ציטערדיקע שטים, ווי זי וואלט געקומען פון זער ווייט. קלאמערנדיק זיך ארום אים, האט זי מיט עקסטאז אויסגעשריגן,

— טאני, איך האב דיך ליב, שטארק ליב! נעם מיך אוועק פונדאנען!

די נאכט איז מאריס נישט געשלאפן. דערוויסנדיק זיך פון סוזענס באנייטע באציאונגען מיט איר אַמאָליקן באַי פריענד. ער איז געלעגן מיט אפענע אויגן, געצילט אין איין פונקט. שווער צו וויסן צי פון די צעשטרייטע נערוועז, צי פון דער מרה־שחורה, וואס האט זיך אריינגעכאפט אין יענעם נשמה צושטאנד, וואס מען רופט, די מיסטישע שרעק. און אין דער פייניקנדיקער שרעק פאר עפעס, וואס קען צו יעדע מינוט זיך פארווירקלעכן. ס׳איז אים אויפן רעיון ארויפגעשוואומען זיין באגעגענונג מיט סוזען אין קענזינגטאן גארדנס.

ס׳האט אים באנג געטון דער גאנצער עסק. ס׳האבן זיך געפלאנטערט ביי אים אויסטערלישע געדאנקן... ער האט זיך געחידושט, וואס אזא נאכט פון פארכישופטע שטימונגען קען מאכן פון א מענטשנס נשמה... ערשט פארטאג איז ער איינגעשלאפן. און באלד דערנאך זיך אויפגעכאפט און דערזעען, אז זי האט אים פארלאזט, מיטנעמענדיק מיט זיך דאס גאנצע צירונג צוזאמען מיט זיין מוטערס טייערן „נעקלעס״. ער האט געוואלט לויפן זי זוכן, ער האט עס אבער נישט געטון... דאס הארץ האט אים שטארק געקלאפט, זיין פנים האט געפלאמט. מאריס האט טיף איינגעגראבן דעם קאפ אין זיינע הענט, וואס זענען געווען אנגעשפארט אויף זיינע קני, און זיך צעוויינט.

מען האט נישט געקענט וויסן צי ער וויינט אויף זיין אומגליק, צי אויפן גליק ווידער צו לעבן ווי א „בעטשלאר״...

## משה דאמב

### אויף חרובע וועגן (שלוס פון קאַפיטל)

צווישן די פאליענדיקע בליענדיקע תבואות האט ער דערזען, א פרישע אויפגעאקערטע פעלד־בייט מיט גלאנציקע שווארצע און ליימיקע גרודעס ערד, קראען פליען נידעריק און שלאגן זיך מיט אנדערע פייגל, צוליב עפעס א ווערימל אדער א שלענגל; צווישן די גלאנציקע גרודעס ערד, האט געבלישטשטעט און געגלאנצט א העלפיאלעט קאלירנדיק שטערנדל, וואס האט זיך אנגעשלאגן אין די זוניקע־שטראלן, אט א דער העל לויכטענדיקער בליאסק האט אים כסדר געלאקט און געצויגן, ווי אקליין שדל וואלט אים שעלמיש נאכגעלאפן און אין אים ארייננגעשעפטשעט, מיט אויסגעגלאצטע אויגן: וואס פארא יאלדישער פרייער דו ביסט... קענסט דאך זיין גליקליך, גיי דארט אהין, דארט ליגט א ברילאנטענער אוצר... הערסט! אן אוצר... גיי שוין... אוי, אז דו וועסט דאס ווייזן מלכהען... פרעג דיך שוין גארניט... די חברה, וועלן שרייען חיל חיל... איך טאטע, מאמע... דיין טאטע, די קראנקע מאמע... די שכנים... די אלטע בגדים, פארלאטעטע שיך... אוי א בראך, גיי שנעל...

ער איז צוגעלאפן צום בלישטשטענדיקן ארט, מיט א צערייצטע פאנטאזיע און גיריקע אויגן, אזוי שנעל האט ער זיך אנטוישט, דערזענדיק אויף די גרודעס ערד, א געוועגליך שטיקל גלאז, פארגאסן מיט נאפט אדער פארפעצט פון פעטן שטאטישן מיסט, וואס דאס גלאז האט זיך מיטגעשלעפט און איז צעווארפן געווארן צוזאמען מיטן מיסט, די זון־שטראלן שלאגן זיך אפ און דאס בלישטשעט אזיווי ברילינאנטן. אוי, דאס געלט, האט ער ביי זיך געטראכט, איז די גרעסטע תאוה ביים מענטש, וואס עלטער א מענטש ווערט, אלץ מער זעט ער אין דעם געלט א הילף, באזונדער, דארף מע מורא האבן פאר דעם מענטש, ווי פארן שדל, וואס מיינט אז געלט איז אלצדינג אין לעבן... אזא מענטש קען און וועט אנטון דאס ערגסטע אין לעבן...

אז דאס שדל איז ניט גערעכט, דאס איז א דבר אחר, מלכה וועט קיינמאל



אין לעבן ניט צאַפלען, ווען זי זאל אפילו דערזען ביי אים ראטשילדס פארמעגן... זי איז יונג, שיין און זער רייצנד... איר פאנטאזיע איז אין פולן שוווּנג און גלאנצט אליין ווי א ברילאנט... זי איז צארט און איידל, ווי די פיגעלאך פון א קאלירט זומער־פייגעלע... איר גוף איז ניט באריךט, ווי דער טוי אויף א פולברוסטיקע פלוים אויפן שפיץ בוים... איר מויל איז ניט געקושט, ווי דאס מויל פון דער זון... אויגן, ווי דאס קוואל־וואסער ביים סטאק, אזוי קלאר און ריין...

אזוי קלערנדיק כסדר, האט ער נאך מער חשק געקריגן צו דערזען מלכהען, כאטש זי דערזען אין א סעקונדע און צוריק אנטלויפן אין שטעטל אריין, מיט א העשענדיקן אטעם, האט ער זיי קוים אנגעיאגט, ווען זיי זענען פריילעך און לוסטיק אריין צווישן די שלאנקע שיטערע סאסנעביימער, ביים געדיכטן וואלד און נעבן זאמדיקן שליאך.

ווען ער האט גערופן: האללא... דערביי זשעסטיקולירט מיט איין האנט, ווי א צייכן אז מע זאלווארטן אויף אים, האט קיינער זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף אים, און זיי האבן זיך געמאכט ניט הערן, ווי זיי וואלטן שוין פארויס געוווסט ווער סע רופט מיט א וואלדישן עכא. פלוצלונג, האט דינה זיך אינסטינקטיוו געגעבן א דריי אויס, כאטש זי האט שוין געפילט אונטער זיך, אז אט אט, בעדארף חיל אנקומען פון דארף, זי האט אפילו געשוויגן ווען די חברה האט זיך געוויצלט און דערציילט רכילות, ווייל איר מח איז געווען פארנומען מיטן געדאַנק: פארוואס אייגענטליך איז ער נאכניט דא?... ווען זי האט נאר דערהערט זיין שטימע איז איר לייכטער געווארן אויפן הארצן, אבער זי האט זיך געשעמט, אדער ניט געוואלט ווייזן פאר די חברה, אז זי קען ניט איינרוען און זי חלשט צוזען חילן... אזוי איז די נאטור פון א פרוי, שעמען זיך און ניט ווייזן פאר די אומגעבונג אז זי ליבט און דערעיקר! זאל חיל אויך פילן איר גלייכגעלטיקייט צו אים, אפשר וועט עס מער ציען צו איר... יא יא, אזוי זענען זיי די מענער... האט זי די גאנצע צייט זיך געטראכט. אבער א הארץ איז ניט קיין משרת, דווקא ווען מע וויל זיין גלייכגילטיק צו יענעם וואס מע ליבט, ווערט דאס הארץ נאך מער ציטערדיק מיט בענקשאפט נאך ליבע... פאר דאס ווען זי האט זיך אויסגעדרייט צוזען חילן, איז זי אזש געווארן פארטשמעלעט און אלעס אין איר האט געפיבערט, אירע אויגן האבן געגלאנצט מיט א פארליבט פייערל אין די שווארצאפלען, ארום די גרין־בלאע אויגן רייפלאך איז געווען וואסערדיק און די טונקל לאנגע אויגן־וויעס, האבן נערוועיש געפינטעלט, ווי ביי א מעכאנישע ליאלקע, איר מויל האט ווי מעכאניש אויסגעשריגן: קוקט נאר ווער ס׳איז דא?... אוי, חיל איטשעלס...

קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמי׳זאגס
ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון״

## א. נ. שטענצל

צו בוך ווייטשעפל

# דער ווייטשעפל טראטואר

(טריפטיך)

עס איז די שטאָט אַ ברייט־באַבלעטערטער, צעצווייגטער שטאַם
מיט הייזער מיט גאַסן, איר וואָרצל — דער טראָטואַר!
אַלץ איינגעשרופּענער בלויז דאָס האַרץ, וואָס גרעסער די שטאָט —
אַ פאַרשטאָפּטער מאָגן צעגרעבט זי זיך מיט אַ קאַר.

ווערט אונטערגעהאַקט אַ כרך, געשניטן ווערן גאַסן —
איבערגעוואָקסן געביי אין וואָלקנס זיך אַ שפּאַר!
בולוואַרן און סקווערן, ווייט צעלויפן זיך די וועגן,
בלויז דאָס האַרץ עס בלייבט דאָס זעלבע — געוואָרצלט אין צער.

## 1 דער שבת־שפאציר

אָן אירע געסלעך וואָס איז ווייטשעפּל,
ווי אונזערע שטעטלעך אַצינד אָן די יידן;
היימישלעך בלויז די שבתים זיינען נאָך,
זיי דערמאָ:ען אין די שטעטלדיק ירידן.

די געבליבענע, שבתדיק אָנגעטון,
לאָזן זיך אַרויס מנוחהדיק שפּאַצירן,
און דרייען זיך צווישן די „בערעס״ אַרום,
ווי אויף אַ יאַרמאַרק צווישן גויאישע פירן.

דער חלול שבת, צי ס'שטעטל דערמאָנט זיך?
דער ייד, אויף צווייטער זייט, ווי אבלדיק גייט ער:
לאַנג ווי דער יידישער גלות ציט זיך דאָרט,
טראָטואַר ברייטער, אַלץ רחבותדיק פאַרשייטער.

פון די געבוירענע דאָ בענקט ווער צוריק,
צום געסעלע וווּ זיין וויגל איז געשטאַנען?
אויב יאָ, ווערט ער אַזוי ווי דער ייד דאָרט,
אַ סמוטנער אויף ברייטן טראָטואַר דאָ שפּאַנען.

## 2. אויף דער אנדער זייט

נישט אויף דער זייט, טראָטואַר, דער יריד־צעטומלטער,
אויף דער אַנדערער, גייען מענטשן אַזעלכע שטילע,
ווי צו אַן אַלטאַר, ווי להבדיל צום ארון־קודש,
עס איינצורייסן, אַנידערצופאַלן אין תפילה.



ס'גייט אַ זון צו אַ טאָטן, אַ גוסס, אַ שכיב־מרע,
אַ מאַמע צו אַן איין־איינציק קינד וואָס ליגן מסוכן,
אַ געליבטער ציילט די שריט, ציילט די רגעס ווי אַמאָל,
ער גייט, זיין געליבטע אַ לעצט מאָל איצט נאָך אָנקוקן.

צו זיין קאַר גייט ווער אַ שווער־פאַרקלערטער אין געדאַנקען,
אָקאָרשט אַ יונגער מענטש געבליבן אונטער זיין מעסער,
ער דערזעט שטיל אָנקומען אַ פרוי, און ווי אַ מערדער,
כאַפּט זיך אַריין, נישט דערזען, אין אויטאָ, דער פּראָפעסאָר.

נישט אויף דער זייט, דער יידישער, דער מאַרק־צוטומלטער,
אויף דער אנדערער, ווען כ'שפּאַציר אין די זומער פאַרנאַכטן,
ווערט מיין שריט אַן אַנדערער, אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער:
פירט מען מיך נישט אַרויס פון אַמבולאַנס אויפגעמאַכטן?

אַ לעצטן בליק כ'וואַרף נאָך אויף דער אַנדער זייט אַריבער!
טויט־שטיל, קיין „זעל״ מען זעט נישט מער דאָרטן, אויסגעשטאָרבן,
צעלאָפן זיך יעדער אין זיין לאָך, אין „זיין ריר״ אַריין,
יעטווידער אין זיין גן־עדנדל וואָס זיך דערוואָרבן.

פון אַ שויפענסטער בליקט בלייך אַריבער אַ מאַניקען,
אויף דער פאָטשענע שטייט שטיל אַ פאַרגעסענע „בערע״ — —
אין דער ליידיקער רחבותדיקייט כ'דריי מיך דאָ אַרום,
אַזאַ מין פאַרלוירענער רואה־ואינו־נראה.

## 3. ווי - זא - ווי

ס'לאָנדאָן־האָספּיטל אויף צווייטער זייט טראָטואַר
ס'טראָיאַנער פערד מיטן מאַרק אַוועקגעשטעלט,
געשטאָפּט מיט דאָקטוירים פול מיט קראַנקן־שוועסטער,
ווי העלדיש באַרימט ס'איז, ס'גרעסטע אויף דער וועלט.

פון דער זייט פאטשענע, פונם קאַפּע לייענס,
קוקן די „אָלד־פענשנס״ אַריבער מיט שרעק:
זיי וואַרטן דאָרטן מיט זייערע כלי־זיין,
קורץ און שאַרף, אונז איינגעשלעפערט, און — אַן עק!

נישט זעלטן פאַרדרייט ווער ס'קעפל, ווי אַ הינדל,
און פון קייגנאיבער — ס'טראָגבעטל איז דאָ!
די „אָלד פענשנס״ קוקן זיך פאַרלעגן איבער:
אַ יינגער מענטש נאָך געווען... געכאַפּט די „פלאו״...

נעפּל־פאַרהאָנגען קוקן גרוי די שפּיגלען,
קאַלטע טראָפּן קייקלען זיך סמוטנע אַראָפּ — —

די אַלטע ביי די טישלעך הערן ווי מען טראָגט,
יעדן טראָט אויף טראָטואַר ציילן זיי אָפּ.

*   *   *

אָן אירע געסעלעך, וואָס איז ווייטשעפּל,
אָן אונזערע שניידער וואָס זיינען מיר דאָ?
אויסגעלייגטע שויפּענסטער אויסצושלאָגן,
ווען חלילה קומען זאָל, אַ בייזע שעה — —

אָ, נישט נאָר מאַניקענס אויפן טראָטואַר,
אויסגעלייגט, ליגן מיר ווען — אין אַנגראָ!
און אין טרויאַנער פערד אַ דאָקטאָר, אַ זון,
איינגעלייגט: האָרכט פון ווי־זאַ־ווי דעם עכאָ...

## א לעצטער שפּראַץ

וויאַזוי מעגלעך אַז אַ שפּראָץ פון אַזאַ דעמב,
די טאָבּטער פון קאַרל מאַרקס, זאָל זעלבסטמאָרד באַגיין?
האָט דאָך שוין אין אים, אין דעם גיבור, אין דעם ריז,
דער קיים דערפון, ס׳זוימנקערנדל געמוזט זיין —

מיט מח, שאַרף־פאַרשפּיצט, פונקן געשלאָגן פון שטיין,
דעם טויט שוין געטראָגן אין אייגענעם געביין,
אָדער ווייל לעצטן פונק פון זיך אַרויסגעשפּריצט,
אין הייפעלע אַש, אין אייגענעם אויסצוגיין?

דעמלט אויף דער גרינדונג דאָ, פון שניידער־פעראיין,
פון איין זייט פיליפּ קראַנץ, פון צווייטער פייגענבוים,
און מאָריס ווינטשעווסקיס קול דערהערט, ווי קלאָר ס׳קלינגט,
צו אַן עולם געהאַלטן זיך אויף די פיס קוים:

„שוועסטער און ברידער, עס איז נישט קיין זיסער חלום,
עס איז אַ קאַמף, ווי אין פּסוק שטייט, ׳ולאם מלאם
יאמץ׳, די וואָס פרעסן אייער שווערע פראַצע,
וויגן אייך איין, מיט, ׳ברוך אדני יום יום׳ —

„דאָס פערד איז ווערט די בייטש, וועלכעס קייעט דעם צוים — —“
אַן אויפגעברויזטער ים אָט צעשפּריצטער אין שוים!
זע, אין זיי די טויט־שטילקייט ווי פאַר אַ שטורעם!!
זי קוקט אויפן רעדנער, זי קוקט אויפן המון:



דער ברייט אויפגעריסענער און טיפער תהום,
צווישן זיי דאָ, און „די דינער פון מאַמאָן־גאָט“!
און איר טאַטע, דער נביא פון אמת און רעכט,
גראָד די אונטערדריקטסטע פון אַלע פאַרזען האָט...

איבער איר קאָפּ דער אַפּלאָדיסמענטן געשאָט,
ווען מען האָט דעם נאָמען פון איר פאָטער דערמאָנט;
אין זייערע אויגן, אַרויפקוקנדיק צו איר,
דעם ברענענדיקן בליק פון איר טאַטן דערקאָנט...

צווייגל אין ווינט וויגט זי זיך צווישן שוואַרץ און בלאָנד:
ווי איר מאַן זי, איר פאָטער פאַרראַטן זיין שטאָם!
אַ וואָרצל טיף־געצויגן זיך, ווייט־געוויקלט,
רוטנבערג, פּאַדוא, פון מהר״ם צום מהר״ם — —

איר אָפּגעריסענער פלאַם גייט אויס, ברעכט צוזאַם,
ווען נישט פון איין זייט פייגענבוים, פון צווייטער — קראַנץ!
„עלענאָרא? האַרמאָניא, די טאָכטער פון צויס“ — —
אין ווינטשעווסקיס אויגן דער פייערדיקע גלאַנץ —

אַזאַ זיסער געזאַנג אין אים, אַ שטילער טאַנץ,
ווי ריטמיש־שלאַנק, און מיט אַזויפיל עלעגאַנץ
טרעטן אויף די ווערטער, פאָרן זיך די גראַמען,
אַ מינועט וויגט זיך לייכט דער „משקל“־באַלאַנס —

נאָך קיינמאָל אַ ליד געלונגען אים אַזוי גאַנץ,
ווי דעמלט זיי דריי זי באַגלייט האָבן אַהיים,
ס׳האָט דאָס ליד פון די דריי מיידלעך, די „דריי שוועסטער“,
געשפּראָצט אין אים „מיט טרערן וואָס בלייבן געהיים“ —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

זע, אַ זוימענדל פון אונזער זאָמען, אַ קיים, —
אויסגעוואָרצלט דער בוים, אויף פרעמד־ערד שוין פאַרפלאַנצט! —
ער זאַפּטיקט ווידער אין אייגענעם פייגענבוים,
זיין צווייגל ווי וווּנדערלעך אונזער קאָפּ באַקראַנצט.

פאַר גאָט, צי פאַר שטן אַ פאָלק האָט אויסגעטאַנצט,
צעשאַרט ליגט לעצטער זשאַר, בלויז פערז־פון פון זיין ליד,
ס׳גליט ווייטער, ס׳פליט ווייטער מיט צווייגל אין ווינט,
וואָס גייט נאָך אויף, רויט־פאַרוווּנדיקט, מיט לעצטן בליט.

## דער עמיסעער נאָך בריטיש-גויאַנא
(צו דער דריטער יאָרצייט פון דר. יצחק נחמן שטיינבערג)

1

ווער לעניִן און ווער טראָצקי, און וואָס סטאַלין,
אַדורך און אַדורך ער קען זיי ;
טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, דאָס רוסישע פאָלק,
ער שטייט פאַר זיי מיט גרויס אָפּשיי.

אין געטע, אין שילער, אין העגל און קאַנט,
ווי האָט ער זיך אין זיי געזוכט !
„וארשתיך לי לעולם בחסד — —"
מיין פאָלק, גאָט געבענשט און פאַרפלוכט.

ווי טיף דערפילט דאָ דיין שפלות, דיין פּערפּאַל :
טריף די קאָך־לעפל, טריף דער טאָפּ,
און וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָכט מען שוין אין אים ?
וואָס ס׳פאַלט פון פרעמדן טיש אַראָפּ.

ס׳„סערקל-הויז" מיט זיינע „סעקסשנס" און „בראַנזשן !"
„די גרעיט ראַסל סטר." וואָס איז זי שוין ?
ס׳„אָפּיסל" פון אונזער קאָלאָניאַל־פּישקע,
פון אונזער קעניגלעכער קרוין.

ביי די „יידישע סעקציע", רחמנא לצלן,
ווי אויפן פיש־מאַרק — ס׳שטינקט פון קאָפּ !
ערשט דער „לאָרד ווייטשעפּל" — דער „שעף רעדאַקטאָר" !!
איך וועל נאָך פון זינען אַראָפּ — — —

זיך צו ראַטעווען, ווען מ׳מוז לויפן,
ווו מ׳קאָן נאָר, אויף וואָסער אופן,
צי פרעגט מען, וויאַזוי, וואוהין ?

ווען איך בין געלאָפן פון בערלין,
פון „הייליקן"־צעגלאָקטן קרעמל,
האָב איך געזוכט אַ ציל דעמל ?

געקלעטערט איבער צוים, איבער פלויט !
און אַצינד אַנטלויף איך נישט פון טויט ?
מ׳וועט מיך דאָ נישט הרגענען, אָ, ניין,

אָבער זעלבסט־מאָרד איך וועל נאָך באַגיין !
פון אַ רייך געוואָרענעם חבר,
דער וויסטער ריח־נחות־אויר —



ס׳גייט אויף פון אים ווי פון אַ טכויער !
מען האַלט עס נישט אויס אויף דער דויער,
ערגער ווי פונם היימישן גביר — —

די פעטלע אַרום האַלדז שוין איך שפיר —

— — — — — — — — — — — — — — — —

2

אַן איינגעהילטער אין טלית און תפילין,
ווי שמונה־עשרהדיק, ווי שטיל ;
זיין ווינקל דאָ, ווו ער שטייט צום לעצטן מאָל,
גאַנצע ערד אַן גרענעץ, אַן גבול :

„גאָט, זאָלן מיר דאָך אַן אייגן ווינקל,
אונזערס, געפינען ערגעץ ווו,
צעגראָבן עס פאַר שטיקל ברויט, צי חלילה,
אַ קבר גאָר פאַר לעצטער רו.

„באַווייז דיך מיט דיין רחמים, מיט דיין צדק,
צומאָל מיט דיין משפט — ווי שווער !
ווער ווייסט, אפשר פירסט דיך גאָר אַרום מיט אונז,
ווי אַ ציגיינער מיט זיין בער ?

„ווו איז דיין רחמים און ווו איז דיין צדק ?
אונזער אמונה איז נאָך גרויס !
אויב מיר מוזן וואַרטן ביז משיח קומט,
איז פיר אונז פון דאָרטן אַרויס.

„גאָט, דו ווייסט, אַן אמתער עמיסעער,
אין שליחות פון דיין פאָלק איך גיי — — —"
אַז״י, צי אומגעפער זיין לעצטע תפילה,
נישט איין טרער פאַרגאָסן דערביי —

אָבער ביים פאָלק פון שעקספּיר און פון דיקענס, —
אַליין אַן אינזל אין מיט ים ! —
וואָס שוין דערמער איינע ווייניקער, צי מער,
זי פאַלט אַראָפּ און — להד״ם — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

פון גאָט דעם סוד ווער ווייסט, און פון תפילה טון ?
ווייל דעם מענטש, וואָס ווייסט עס און קען,
בלויז ביי אונזער בעסטן ווילן און ווילן,
אַ סוד אויך ס׳בלייבט, אף־על־פּי־כן :

האָט ער געוווּסט ווער און וואָס דער טשעמבערליין ?
נאָר אַ דיפּלאָמאַט אָן פּאָרטפעל,
איז אויב שוין נישט אין „קרעמל“, כאָטש אַ קרעמל,
אַבי, גאָט צו דאַנקען — אַ שטעל ?

אָדער געזען די כמאַרע, וואָס ציט שוואַרץ אָן,
גאָטעניו, „שומר מה מליל !“
זיין האַרץ געציטערט, געפלאַטערט איבער אונז,
געזוכט כאָטש אַ דאַך אויף אַ ווייל ?

דעם משפט לאָזן מיר פאַר דער געשיכטע !
ס׳וויזיאַן־וויזאַזש האָט ער געהאַט,
אי, פאַרן אמתער מ׳גויאנא, אי —
פאַר אַ מאָדערנעם דיפּלאָמאַט.

## אויף דער אינזל

אַ מאַסטבוים, אַ פאַרוואָרצלטער מיט די וויאָסלעס.
דער מענטש וואָס אויפגעוואַקסן אויף אַן אינזל ;
מיט אַן אַלבאַטראָס־פּען דיקנס אים באַשריבן,
בלויז פון וואָס געמאַכט קאָנסטיבל זיין פּינזל ?

ווענוס פון ים־שוים־שיסל אַרויסגעשפּרונגען,
לעידי מאַקבעט — ביי ברעגעס דאָ, די גרינע !
וויפיל לייוונטן צעוואָרפן און צעוויקלט,
צו פאַרווישן די שאַנד פון קינאה־שינאה.

אין טוי־בעכערלעך געטונקט פּינזעלעך דינע,
ס׳דורכזיכטיקע אינזל־גרין פון די גראָזן ;
און די נעפּלען, שווער־פאַרוויקלטע, געדיכטע,
ס׳האָט זיי טערנער אין זעגלען אויפגעבלאָזן.

ס׳איז דער אינזל־מענטש אַפּאַרקראַמפּטער אָקטאָפּוס,
פון זיין קרבן אויסגעזויגן לעצטן טראָפּן :
ס׳האָט מאַרקס זיין קאַפּיטאַל דאָ געשריבן,
האָגאַרט געמאָלט — צוויי־אויגיקע ציקלאָפּן !

פון אַן אָסקאַר ווײַלד אַזאַ מין ממעמקים,
נאָר דער אינזל־מענטש געקענט אַרויסקריגן ;
ריינאָלדס יינגל־קעפּלעך — די מלאכימלעך נאָך,
דער הימלישער כאָר פון לאָרד בייראָנס ניגון.

ווען קאָנסטיבלס בילדער צום ערשטן מאָל דערזען,
פאַר אַן אַקוואַריום־וואונדער שטיין געבליבן !



ווי סמוטנע אין די געסלעך אַרומגעשפּאַנט,
שוין אַלט צו זען ווי דיקענס זיי באַשריבן.

נישט ער — איך בין עס ! ווען אין געסלעך דאָ איך הער,
ווי זיי „שפּרעכן“ מיין שפּראַך, זיינע — פאַרשווועכן !
„זאָל צוגעקלעבט ווערן מיין צונג צו מיין גומען“,
אויב איך וועל מיין יידישע שבועה ברעכן :

קאָנסטיבל, דיין טייכל, דיין שפּיגלדיק בריקל,
איך וועל עס באַוווּנדערן אויף דיינע בילדער,
און אין אסתר קרייטמאַנס אַ דיקענס פאַרטייטשונג,
דערזען כ׳וועל דאָס גאונית פון זיין געשילדער.

וואָס קאָן מען נאָך גרעסערס מאַכן פון גאָטס נאַטור,
ווי קאָנסטיבל מיט זיינע שטילע פאַרבן ?
דיקענס, דאָס וויטשעפּל געסעלע דאָ, אונזערס,
מיט אונזער וואָרט אָפּשרייען, ס׳זאָל נישט שטאַרבן.

מיט סאָלאָמאָן, איבער גערטלער, ביז מענינסקי
אָ, ווי מאוס דאָ אונזער נאַטור פאַרלאָזן — —
פאַראייביקטער, קאָנסטיבל, זיינען געבליבן,
אין דזשאָנס־ווּד דיינע געשאָסענע האָזן.

אַז ביי דיקענסן שוין מענדעלע געלערנט,
גאַנצענע שטעטלעך לעבעדיק צו מאַכן,
איז וויל איך כאָטש איין געסעלע דאָ, דאָס קלענסטע,
עס פעסט האַלטן מיט מיין וואָרט, מיט מיין שוואַכן.

נישט מיטן אייביקן גרין פון די לאָנקעס דאָ,
נישט מיטן גרוי פון די נעפּלען מ׳קאָן מאָלן
די צער־פּנימער פון „די גרינע פון אַמאָל,
נישט רשעותדיקע איצט דאָ, וואָס זיך קהל׳ן — — —

ווען אָנגעקומען, איין קאַץ פון די געסלעך דאָ,
געוואָלט דערפּאַסן מיט פערציק סאָנעטן ;
דעם מענטש, אין זיין גאַנצער טיף, ביז צו די וואָרצלען,
אַ לעבן־לאַנג ס׳דויערט ביז מען דערזעט׳ן.

שילדערן אויף לעבן און טויט — ס׳מוז אַזוינס זיין !
אָבער דאָס פאַרגיין כאָטש שנעל צו באַגראַמען — —
דאָס דאָרף־יינגל, וואָס כאַפּט זיך אַרויף אויפן פערד,
קאָנסטיבלס, ווי לעבעדיק ס׳שטייט אין ראַמען.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים

### ב.

עס וועט ניט זיין א גוזמא צו זאגן, אז קיין איין ספר פון תנ"ך האט געהאט אזא השפעה אויף אונזער לעבן און דענקן אין גלות ווי דער ספר דניאל. דניאל איז געווען דער ערשטער, וואס האט אנגעוויזן ווי אזוי מיר זאלן זיך אויפפירן זייענדיק צעשפרייט צווישן אנדערע פעלקער; מיר זאלן ניט עסן אדער טרונקן ביי גוים כדי זיך ניט אויסצומישן מיט זיי. (דניאל א') און מיר זאלן תפלה טוען צו אונזער אלמעכטיקן דריי מאל אין טאג מיטן פנים געקערט צו ירושלים. (דניאל ו') אלע הלכות וואס זענען זינט דעמאלט פארפאסט געווארן צו באַקעמפן אסימילאציע, איינשליסיק די אכצן גזרות וואס מען האט ארויסגעגעבן אין דער צייט פון צווייטן חורבן, (שבת פ"א מ"ד) זענען א פועל יוצא פון דניאל׳ס איניציאטיוו, און אלע תפלות וואס זענען זינט דעמאלט פארפאסט געווארן מוזן זיין אין הסכם מיט דניאל׳ס תקנות. (ברכות ל"א).

דניאל איז אויך געווען דער ערשטער וואס האט אריינגעבראכט א מלאכים אידעאלאגיע אין יידישן וועלט באנעם, אויף דניא׳ן איז דער מאמר פון רב שמעון בן לקיש געזאגט געווארן — „אף שמות המלאכים עלו בידן מבבל": אויך נעמען פאר מלאכים האבן זיי זיך איינגעשאפט אין בבל. (ירושלמי ראש השנה פ"א ה"ב) ביז צו דער צייט פון דניאל האט מען אין תורת משה און אין די ספרי הנביאים באנוצט דעם טערמין „מלאך" פאר א שליח, „עשה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט": א מאל איז דער שליח א ווינד און א מאל א פלאקערדיק פייער. (תהלים ק"ד) דעריבער האט מען א מלאך ניט געקאנט אידענטיפיצירן, דער מאן פון יעקב אבינו׳ס געראנגעל האט געזאגט — „למה זה תשאל לשמי": צו וואס דען פרעגסטו אויף מיין נאמען?" (בראשית ל"ב) און דער מאן פון מנוח האט געענטפערט — מיין נאמען איז „פלאי": אומדערקלערלעך. (ילקוט שמעוני שופטים רמז ס"ט, און מורה נבוכים־אפודי ח"ב פמ"א) אבער נאך דעם ווי דניאל האט אידענטיפיצירט די מלאכים און זיי דערהויבן צו דער מדרגה פון אלמעכטיקע, איז די פאטענץ פון יהוה אדער זיין אלמעכטיקייט געווארן צעטיילט אין באזונדערע כוחות און דערקלערלעך מיט דער הילף פון נעמען, ווי גבריאל, מיכאל און דעסגלייכן, גראד אזוי ווי פריער האט א טייל פון פאלק ישראל זיך פארגעשטעלט די אלמעכטיקייט מיט דער הילף פון עגל מסכה, פסל מיכה און עגלי זהב.

אויסער דעם, האט דניאל אויך אריינגעבראכט אין יידישן וועלט באנעם דעם גלויבן אז מיר מוזן בלייבן אין גלות ביז עס וועט קומען א הימלישער משיח, עס וועט זיין תחיית המתים און דער לעצטער יום הדין. ער דערציילט אין זיין סבר: „איך האב געזען אין חלום באנאכט — אנקומען אויף וואלקנס פון הימעל „כבר אנש": אזוי ווי א מענטשנזון און ביז צום „עתיק יומיא": אלטבאטאגטן האט ער גענענט. צו אים איז געגעבן געווארן געוועלטיקייט,



כבוד און מלכות. אלע פעלקער, אומות און לשונות זאלן אים דינען, זיין ממשלה זאל אנהאלטן אייביק און זיין מלוכה זאל קיינמאל ניט פארגיין אדער ווערן צעשטערט". (דניאל ז') און צום סוף פון זיין ספר דער־ציילט ער, אז מען אט אים געזאגט: „אין יענער צייט וועט אויפשטיין מיכאל, דער גרויסער שר, וואס פארטיידיקט די קינדער פון דיין פאלק, עס וועט זיין אן עת צרה, וואס איז ניט געוועזן פון זינט איר זייט געווארן א פאלק ביז איצט, און אין יענער צייט וועט פון דיין פאלק ניצול ווערן איטליכער וואס איז פארשריבן אין דעם בוך. און פיל וואס שלאפן אין זאמד פון דער ערד וועלן אויפוואכן, טייל צו אייביקן לעבן און טייל צו שאנד, צו שפאט אויף אייביק". (דניאל י"ב.)

דער גלויבן פון דניאל, אין א מלכות שמים׳דיקן משיח, תחיית המתים און לעצטן יום הדין, איז דער א:געומענער אויספיר פון דער פאנטעאיסטישער אידעאלאגיע פון וועלכער דניאל האט זיך איינגעשאפט דאס אידענטיפיצירן מלאכים מיט דער הילף פון נעמען. אזוי ווי אלע פאנטעאיסטן, וואס די נאטור איז לויט זיי א טייל פון דער אלמעכטיקייט, האט דניאל געהאלטן, אז די מלחמות צווישן די פעלקער אויף דער ערד זענען דעטערמינירט, אדער פעסטגעשטעלט פון הימעל. ער דערציילט טאקי, אז אין זיינע חלומות האט ער געזען דעם געראנגעל פאר מאכט צווישן די שרים, אדער שוץ־מלאכים פון פרס, יון און אנדערע. (דניאל י') פארשטייט זיך יעדער פאנטעאיסט האט געחלומט אז דער שוץ־מלאך פון זיין פאלק וועט באזיגן די אנדערע, וועט ווערן דער הימלישער משיח אויף דער ערד און זיין פאלק וועט באקומען דעם אייביקן לעבן, אזוי ווי דניאל האט געחלומט וועגן זיין פאלק, דעם יידישן פאלק.

אין ספר ישעיה געפינט זיך אויך א באחרית הימים וויזיע, דער נביא ישעיה האט פאראויסגעזען: „אז אין די לעצטע טעג וועלן פעלקער זאגן — קומט לאמיר אויפגיין צום הויז פון יעקב׳ס אלמעכטיקן. ער וועט אונז לערנען... ווייל פון ציון וועט ארויסגיין תורה און גאטס ווארט פון ירושלים. ער וועט פארמיטלען צווישן די פעלקער און אנטשיידן פראבלעמען פון פיל אומות. זיי וועלן איבערשמידן די שווערדן אויף אקעראייזנס און די שפיזן אויף צווייגמעסערס. א פאלק קעגן א פאלק וועט ניט הייבן א שווערד און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה". (ישעיה ב') אבער אין זיין באחרית הימים נביאות זאגט ניט ישעיה, אז דער שלום צווישן די פעלקער אויף דער ערד איז אפהענגיק פון א געראנגעל צווישן מלאכים אין הימעל, און אויך ניט פון א תחיית המתים מיט א לעצטן יום הדין.

ישעיה׳ס באחרית הימים איז א רעאליסטישע נבואה, ער האט פאראויסגעזען א צייט ווען די פעלקער פון דער וועלט וועלן פרייוויליק אויפגיין קיין ציון כדי דארט צו לערנען ווי אזוי צו לעבן אין שלום צווישן זיך, ווייל ציון וועט דעמאלט זיין די אוניווערסיטעט פון דער וועלט. און דער נביא מיכה דערקלערט וואס זיי וועלן דארט לערנען, ער איבערחזרט ישעיה׳ס נביאות ווארט ביי ווארט און צום סוף זאגט ער: „זיצן וועט יעדער מענטש אונטער זיין וויינשטאק און זיין פייגנבוים, ניט ציטערנדיק פאר קיינעם... ווייל יעדער פון די

פעלקער וועט דינען זיין אלמעכטיקן און מיר וועלן דינען אונזער אלמעכטיקן אויף אייביק און שטענדיק". (מיכה ד׳) דאס הייסט: די פעלקער וועלן לערנען אין ציון, איינער זאל ניט רויבן דעם צווייטנס האב און גוטס, און זיי זאלן טאלערירן איינער דעם צווייטנס דענקן און גלויבן, וואס איז אין אמתן די איינציקע יסודות פון א וועלט שלום.

דער נביא ישעיה האט פארצייכענט אין זיין ספר נאך איין וויזיע פון גאולה: „ויצא חטר מגזע ישי ונצר משרשיו יפרה" — א שטענגל וועט אויפגיין פון דעם שטאם ישי און א צווייגל פון זיינע ווארצלען וועט שפראצן. רוען וועט אויף אים דער גייסט פון יהוה, דער גייסט פון קליגשאפט און פארשטאנדיקייט... ער וועט פארמיטלן מיט גערעכטיקייט פאר די ארימע און וועט אנטשיידן מיט יושר פאר די געדריקטע. מיטן כח פון זיין מויל וועט ער באהערשן דאס לאנד, און מיטן אטעם פון זיינע ליפן וועט ער טייטן דעם רשע... ווינען וועט א וואלף מיט א שעפס, א לעמפערט מיט א ציקעלע וועלן הויערן צוזאמען... קיינער וועט ניט בייז טוען און ניט פארניכטן... ווייל ארץ ישראל וועט זיין פון מיט געטליכן וויסן ווי וואסער באדעקט דעם ים... דער אפשטאם פון ישי וועט אויפהייבן די יידישע פאן צווישן די פעלקער, ער וועט צונויפזאמלען די פארשטויסענע פון מלכות ישראל, און די צעשפרייטע פון מלכות יהודה וועט ער אויפקלייבן פון די פיר ערד עקן. אפגעטוען וועט ווערן די קנאה פון אפרים, און די באדריקער פון יהודה וועלן פארשניטן ווערן. אפרים וועט ניט מקנא זיין יהודה און יהודה וועט ניט באדריקן אפרים"... (ישעיה י"א)

אבער ווי מען זעט פון דער ציטירונג וועט אויך, אין דעם חזיון פון א נאציאנאלער גאולה, דער גואל ניט זיין א הימלישער משיח און די באפרייאונג וועט ניט זיין אן איבערנאטירליכע, ווי דער „כבר אנש": אזוי ווי א מענטשנזון פון דניאל׳ס חלום, וואס וועט קומען צו פליען אויף וואלקנס פון הימעל, וועט לעבעדיק מאכן די טויטע און זיי משפטן. דער גואל פון ישעיה וועט זיין פון שטאם ישי, א קליגער און פארשטאנדיקער מענטש וואס וועט הערשן מיט גערעכטיקייט און יושר. די פארטריבענע פוןביידע מלוכות וועט ער צוריק ברענגען אין לאנד אריין, ער וועט זען זיי זאלן לעבן צוזאמען אין שלום, און ווינען וועט א וואלף מיט א שעפס, איז א משל, אז דאס יידישע פאלק וועט לעבן בשלום מיט ניט יידן אין זיין לאנד און מיט די ארומיקע פעלקער. (רמב"ם משנה תורה, הלכות מלכים פי׳ ב־א׳).

עס איז דעריבער קלאר אז די נביאים האבן געהאט אן אנדערע פארשטעלונג וועגן דעם באחרית הימים אדער וועגן א נאציאנאלע גאולה, ווי דניאל האט געזען אין זיינע חלומות. אז די מיינונג פון די נביאים איז אין איינשטימיקייט מיט תורת משה האט מר שמואל, איינער פון די גרויסע בבל׳שע חכמי התלמוד, שוין אנגעוויזן — פון דעם וואס תורת משה זאגט: „ווייל עס וועט קיינמאל ניט אויפהערן צו זיין נויטבאדארפטיקע אין לאנד, דעריבער באפעל איך דיר — עפענען זאלסטו דיין האנט צוו דיין ברודער, צו דיין ארימאן און צו דיין אביון אין דיין לאנד", (דברים ט"ו) האט מר שמואל געדרונגען, אז



„אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד": לויט תורת משה זענען די אלע פאנטאזיעס וועגן משיח׳ס צייטן ניט אמת, דער איינציקער אונטערשיד צווישן דער איצטיקער וועלט און משיח׳ס צייטן וועט זיין דאס, וואס דאס יידישע פאלק וועט לעבן פריי און זעלבסטשטענדיק אין זיין אייגן לאנד. אמת ארום אכט הונדערט יאר נאך דניאל׳ן האט רבי יהודה הנשיא, מר שמואל׳ס רבי׳ פארצייכענט אין א משנה: „ווער עס לייקענט אז תורת משה האט באפוילן מען זאל גלייבן אין תחיית המתים וועט ניט באקומען קיין חלק לעולם הבא", און א ריי פון די חכמי התלמוד האבן אויסגעטייטשט פסוקים כדי צו באווייזן אז עס געפינען זיך רמזים וועגן תחיית המתים אין תורת משה, אבער נאכן ציטירן אלע אויסטייטשונגען איז די גמרא געקומען צום באשלוס, אז דער גלויבן אין תחיית המתים האט דניאל אריינגעבראכט אין יידישן וועלט באַעם. (סנהדרין צ׳, צ"ד — רבינא און רב אשי)

מען מוז דעריבער זיך פארטיפן אין דער יידישער געשיכטע פון יענער צייט כדי אויסצוגעפינען די סיבה, פארוואס דניאל האט אריינגענומען אין יידישן וועלט באנעם דעם גלויבן, אז דאס יידישע פאלק מוז בלייבן אין גלות ביז עס וועט קומען א הימלישער משיח, עס וועט זיין תחיית המתים און א לעצטער יום הדין. אבער וויפיל מען זאל ניט זוכן וועט מען קומען צו דעם אויספיר, צו וועלכן עטליכע קריטישע דענקער פון די שפעטערדיקע חכמים זענען געקומען, אז די סיבה איז געווען דער באקוועמער גלות אין וועלכן דניאל האט געלעבט. מען דארף וויסן, אז ביז צו דער צעטיילונג פון ארץ ישראל אין צוויי מלוכות איז דער וועלט באנעם פון פאלק ישראל געווען (איינפאכער און קלארער. די פאלקס־מאסן און זייערע מנהיגים האבן געדארפט דינען דעם אל מעכטיקן פון ישראל מיט ערליכקייט און ארנטלעכקייט. ווי א לייט מאטיוו פון א סימפאניע הערט זיך כסדר דער רוף פון די ספרי נביאים — „כי חסד חפצתי ולא זבח": גוטסקייט האב איך באגערט און ניט קרבנות, (הושע ו׳) ווייל תורת משה האט בפירוש געזאגט, אז דער אלמעכטיקער פון ישראל האט נאָר פארלאנגט מען זאל אים דינען מיט קרבנות. דער קרבנות קולט איז געווארן איינגעפירט כדי דאס פאלק ישראל זאל ניט, אונטער דעם איינפלוס פון די אימפאזאנטע ריטועלע צערעמאניעס ביי זייערע שכנים, מקריב זיין קרבנות צו מכלומרשטע הימלישע באשיצער פון זייערע פעלדער און גערטנער, אזוי ווי זייערע שכנים טוען. (ויקרא י"ז)

דער קאנפליקט צווישן די שבטים אין די לעצטע יארן פון שלמה המלך, וואס האט נאך זיין טויט געפירט צו דער שפאלטונג פון פאלק ישראל, איז געקומען פון אריינברענגען אין ישראל׳ס וועלט באנעם נייע אידעען דורך דעם דעמאלטיקן נביא אח׳הו השילוני. ער האט געהאלטן אזוי ווי די מאכער פון עגל מסכה און פסל מיכה, אז מען דארף מאכן אפבילדער פון דער אלמעכטיקייט כדי צו פארשטארקן די אמונה אין יהוה, און צופארהיטן דאס פאלק ישראל פון איבערנעמען געצענדינערישע אפבילדונגען, האט ער געקעמפט קעגן חתונה האבן מיט פרויען פון אנדערע פעלקער, ווייל זיי וועלן אריינברענגען מיט זיך

זייער בילדער קולט. דער קאנפליקט איז אין תוכן געווען א קולטורעלער אבער פאליטישע און עקאנאמישע סיבות האבן אים פארשארפט און ארויסגערופן.

דער שבט אפרים האט מקנא געווען דעם שבט יהודה וועגן זיין מאנאפאליזירן די מלוכה, און די מנהיגים פון די אנדערע שבטים האבן דעם שבט לוי ניט פארגינען דעם מאנאפאל, וואס ער האט געהאט, אויף די קרבנות פון בית המקדש. נאכדעם ווי דער נביא אחיהו השילוני האט אפגעריסן די צען שבטים פון מלכות בית דוד און געגעבן זיין הסכמה צו מאכן די עגלי זהב, האט ירבעם בן נבט אויפגעשטעלט במות אין יעדע שטאט און אין יעדן דארף פון מלכות ישראל כדי זיין פאלק זאל קאנען מקריב זיין קרבנות אומעטום. יעדער פון פאלק, וואס איז געווען רואי, האט געקאנט ווערן א כהן, און פארדינען זיין טעגלעך ברויט, ווי אמציה, דער כהן פון בית אל, האט געזאגט צום נביא עמוס — —„כי מקדש מלך הוא ובית ממלכה הוא״: אונזער הייליקטום איז דער מלך און אונזער טעמפל איז דאס גאנצע לאנד, גיי אין לאנד יהודה און עס דארט ברויט פאר דיין נביאות זאגן. (עמוס ז׳) זיי דארט דארפן האבן דיינע שטראפרייד ווייל זייער הייליקטום און זייערע כהנים פאראזיטירן אויפן חשבון פון פאלק.

פארשטייט זיך, די פארטריבענע פון מלכות ישראל האבן ניט געווארט און ניט געוואלט אז א בן דוד זאל זיי אויסלייזן פון גלות, ווערן זייער מלך און זיי צוריק אונטערוואַרפן אונטער די כהנים פון בית המקדש אין ירושלים. אחוץ דעם, זענען זיי געווען צעשפרייט אין די שטעדט און דערפער פון מדי, ווו אהין דער מלך פון אשור האט זיי פארטריבן, און זינט מדי איז באפרייט געווארן פון אשור האבן זיי דארט געלעבט אין שלום ושלוה. עס האט זיי דעריבער ניט געגלוסט צו פארלאזן דעם באקוועמען גלות לעבן, און זייענדיק אין לאנד ווו דער זאראאסטישער גלויבן האט צוגעזאגט, ווען די גוטע מלאכים וועלן מנצח זיין די שלעכטע וועט אראפנידערן דער מלכות שמים אויף דער ערד, האבן זיי געהאפט צו בלייבן אין גלות ביז עס וועט זיין א איבערנאטירליכע גאולה. די האפענונגען, אז עס וועט זיין א לאנגער גלות און די באפרייאונג — א נסים׳דיקע, האט דניאל איבערגענומען נאכן ווערן איינער פון די העכסטע מיניסטארן אין מדי, (דניאל ו׳) און פון זיי האט ער אויסגעחלומט דעם נייעם וועלט באנעם פארן יידישן פאלק.

געזאגט ווערט, אז דניאל זאל האבן אריינגעבראכט די קאנצעפציע פון לאנגן גלות ווייל ער האט זיך טועה געווען, ער זאל האבן געמאכט א טעות אין צונויף רעכענען די גלות יארן. דניאל דערציילט אין זיין ספר: „אין ערשטן יאר פון דעם מדי׳שן מלך דריוש, האב איך, דניאל, נאכגעקוקט אין די ספרים די צאל פון די יארן וואס דאס ווארט פון אלמעכטיקן איז געווען צו ירמיה הנביא, אז ירושלים וועט צוריק אויפגעבויעט ווערן, ווען די זיבציק יאר פון חורבן וועלן פול ווערן. זעענדיק אז די זיבעציק יאר זענען שוין פארביי געגאנגען, האב איך מיך געקערט צו מיין האר דעם אלמעכטיקן און געבעטן מען זאל מיר זאגן ווען די גאולה וועט זיין. זאל מען אים האבן דעמאלט איבער־



געגעבן אז דער גלות וועט זיין א לאנגער. אין אמתן אבער זאל ער דעמאלט זיך האבן טועה געווען אין רעכענונג, די זיבעציק יאר זענען נאך ניט פול געווען. (דניאל ט׳, מגילה י״ב)

די יידן פון בבל האבן אים אבער געגלויבט אז ירמיה האט ניט ריכטיק פאראויס־געזען, און ווען כורש מלך פרס האט זיי געגעבן די פרייהייט און הילף אויפצובויען זייער היימלאנד האבן זיי ניט געגלויבט אז דאס איז די אמתע גאולה. עס האבן ניט געהאלפן די שטראף־רייד פון דעם נביא חגי, זיי האבן אים געענטפערט — „לא עת בא עת בית ד׳ להבנות״: די צייט איז נאך ניט געקומען, די צייט אז דאס הויז פון אלמעכטיקן זאל אויפגעבויעט ווערן. (חגי א׳) כורש מלך פרס האט דריי יאר שפעטער אפגעשטעלט דעם אויפבוי, ווייל די איינגעבוירענע קאלאניסטן האבן געשיקט מסירות צו אים אז די יידן וועלן זיך אפרייסן פון דער פערסישער אימפעריע, און ער האט אויך געהערט אז די געלערנטע און רייכע יידן ווילן ניט פארלאזן די לענדער פון זיין אימפעריע ווו זיי לעבן. דאמאלט האט דניאל ווידער געהאט אן אנטפלעקונג פון וועלכע — ווי ער זאגט — עס איז געווען צו זען דעם אמת פון זיינע פריערדיקע חלומות, אז עס וועט נאך פארגיין א סך יארן און דורות ביז משיח וועט קומען, און נאר ער אליין האט געזען די אנטפלעקונג, די נביאים, וואס האבן געשטראפט די יידן ווייל זיי ווילן ניט פארלאזן בבל, זענען געשטאנען נעבן אים און האבן איר ניט געזען, (דניאל י׳) דערמיט האט ער אנגעוויזן אז ער איז גרעסער ווי די נביאים און מען דארף זיך צו אים צוהערן...

אבער די קריטישע דענקער פון די שפעטערדיקע חכמים האבן געהאט אן אנדערע מיינונג וועגן די חלומות פון דניאל. אין דער גמרא ווערט דערציילט: רב שמעון בן לקיש האט זיך געבאדן אין ירדן איז געקומען רבה בר בר חנא פון בבל און אויסגעשטרעקט צו אים זיין האנט, האט רב שמעון בן לקיש געזאגט צו אים — דער אלמעכטיקער האט אייך, בבל׳שע יידן, פיינד, ווייל אויב איר אלע וואלט צוריק געקומען קיין ארץ ישראל אין דער צייט פון עזרא וואלט קיין פאלק אונז ניט געקאנט מנצח זיין. (יומא ט׳) און רב יהודה הלוי שרייבט אין זיין ספר הכוזרי: „די גאולה אין דער צייט פון כורש מלך פרס האט געקאנט ווערן א גאולה שלמה אויב אלע יידן וואלטן צוריק געקומען פון בבל. אבער נאר א קלינע צאל האבן צוריקגעקערט, די מערהייט פון זיי מיט זייערע גדולים זענען געבליבן אין גלות, ווייל זיי האבן זיך ניט געוואלט שיידן פון זייערע שיינע הייזער, זייערע גוטע געשעפטן און זייערע הויכע פאסטענס אין דער פערסישער אימפעריע. דער אלמעכטיקער העלפט יעדן מענטש אין דער מאס פון זיין אנשטרענגונג, אז א מענטש שטרענגט זיך אן א ביסעל באקומט ער ווייניק או ער שטרענגט זיך אן א סך באקומט ער פיל, דעריבער אויב אלע וואלט אויפגעגאנגען פון גלות בבל, וואלטן זיי מצליח געווען ווי אין דער צייט פון יציאת מצרים. די תפלות וואס זיי זאגן: „השתחוו להר קדשו״, „והשתחוו להדום רגליו״, והמחזיר שכינתו לציון״ א.א.וו. האבן אזא ווערט ווי דאס קראקן פון קראען, ווייל זיי פארטראכטן זיך ניט אין דעם וואס זיי זאגן״. (הכוזרי.)

י. ביאלסקי

## תהלים אין פערזן

ערשט קאפיטעל

געלויבט איז ווער קיינמאל איז ניט נאכגעגאנגען
רשעים׳שע עצות און בייזע פארלאנגען,
נאר אין גאט׳ס תורה זיין תמיד פארטראכט,
פארברייננגט ער דעם טאָג זיינעם און אויך די נאכט.
דען ווי א בוים, וואס אין טייכלאַך דערנעבן,
פרוכטפול מיט שטענדיקן בלעטער־געראויש,
וועט ער באגליקט זיין אין מעשים (אין לעבן *
פון טעגליכן משא־ומתן אויסטויש).

* * *

נאר די רשעים, ווי פסולת, וואס דין
און צוזייט און צושפרייט איז אויף אלע פיר עקן,
וועלן דורכפאלן, ווען דער יום הדין
(וועט די עבירות פון יעדן אויפדעקן).
ווייל גאט ווייסט פון צדיקים דעם וועג, וואס איז ריין,
און אויך פונעם רשע — פאר זיין אינטערגיין.

## צווייטע קאפיטעל

וואס טומלען זיך פעלקער מיט פיסטזוניק ריידן,
מלכים און שררות אין קאָן,
קעגן גאט און זיין מלך משיח ענטשיידן,
פון אויפשטיין אויפהייבן אַפאָן ?
„לאמיר צורייסן די שטריק. זיי פארניכטן״.
הערט זיך דער לאזונג פון אַלערליי שיכטן).

* * *

* די פארריינגעלטע פראַזן זענען די פירושים און שאפן דעם ריטם, ווי אויך די גראַמען. צוליב זעלבן צוועק און אויך צוליב געוויסע עסטעטישע דערגרייכינגען ווערן אמאל פון מקור ארויסגעלאזן אייניקע ווערטער וואס זאגן גארניט, ווי עס פירט זיך אין איבערזעצינגען.



גאר דער, וואס אין הימעל צושפרייט איז זיין היכל,
שיקט, כביכול, זיי זיינעם א שמייכל.
ביז אין זיין גרימצארן וועט ער דערשרעקן
זיי (מיט זיין רצון וואס ער וועט אויפדעקן).
„אויף מיין באַרג ציון אליין האב איך אים
געזאלבט און געקרוינט מיט שאַלן און רים״
(אזוי זאגט דער מלך מלכי המלכים !).

* * *

כ׳וועל תמיד דערציילן גאט׳ס חסד צו מיר
(און אויך פון זיין מויל די הבטחה).
„דו ביסט מיין זון״, זאגט ער „היינט נאר געבוירן״
(און נאר וואס באקומען מיין ברכה).
ווילט זיך דיר פעלקער פון מיר א געשענק ?
נעם זיך דעם אויסוואל וואס דיר נאר געפעלט ;
און אז אַ נחלה פאר אייביק, געדיינק,
פאר דיר זענען אַפּען די עקן פון וועלט״.

* * *

די ווערטער, מלכים, זיך איילט צו פארשטיין,
און שופטים אַ מוסר זיך נעמט :
דינט גאט מיט מורא (און הארץ וואס איז ריין)
און מיט א ציטער (חטאים באַקעמפט !). **
קושט זיין „באליבטן״ (ווי ער רופט אים אָן)
און זיין בליטץ־צאָרן פארמיידט (פון זיין טראָן),
ווען חוש ווערט פאַרלאָרן (וואס גלייך איז, וואס קרים).
גליקליך איז אבער ווער ס׳שטיצט זיך אויף אים !

** דאס ווארט : „וגילו״ אין מקור, וועלכעס זעט אויס צו זיין דער סינאנים פון „עבדו את ד׳״ (לויט דעם ביישפיל פון „וכמריו עליו וגילי.) הושע י׳, ה׳ ווערט אין איבערזעצינג פארשוואונדן.

רחל מירסקי

## אין דער בילדער-גאלעריע

די חודשדיקע אויסשטעלונג אין דער גוט־באקאנטער, קליינער לאנדאנער גאלעריע איז דאס מאל בלויז פון איין קינסטלער.

אויסער דעם פארגעניגן פון זעען די אויסשטעלונג, איז אויך א נחת די אינטימע אטמאספערע, וואס הערשט דארט. דער פארוואלטער גייט תמיד ארום צווישן די באזוכער, מיט א ברייטן שמייכל און גרייט אויף א פריינטלעכן אופן צו געבן דערקלערונגען די, וואס שטעלן פראגן.

ער פרעגט אליין טיילמאל א מיינונג ביי א באזוכער. דער שמייכל אויף זיין פנים ווערט דעמאלט נאך ברייטער ווען ער באקומט א באפרידיקנדיקן ענטפער.

ווי אסך מאל פריער, האט מיך אויך דאס מאל ארומגענומען א פרייד ווען איך בין אהין אריין.

אינם ערשטן זאל — לאנדשאפטן: זומער, ווינטער, וועלדער, טייכן, בערג, פעלדער מיט חיות, פישער־דערפער, וואסער־מילן, ווינטמילן. איבער אט די אלע בילדער — זון! אבער אזוי וואונדערלעך־פלאמיק, רויט אדער פארנעפלט־הייס, אין געלע, פאמעראנצן־קאלירן.

דאס אויג באדט זיך אין א ים פון וואונדערלעכע פארבן.

איך פארשטיי נישט פיל וועגן מאלעריי, פונקט ווי כ׳פארשטיי נישט פיל וועגן מוזיק, כ׳ווער אבער טיף באגייסטערט פון מיין געפיל פאר שיינקייט, פון די קאלירן און טענער.

ווידער א צימער. דא זענען אויסגעשטעלט „שטיל־לעבן" בילדער: בלומען, פרוכטן, ביכער, חיות, ערד־געוויקסן און אנדערע זאכן. עס זענען שטילע, ווארימע פארבן, וואס דאס אויג קען זיך נישט זעטיקן פון די צארטע, וואונדער־קאלירן.

ווידער א זאל. אט דא זענען אויסגעשטעלט פאטרעטן. א בילד פון דעם קינסטלער אליין, א „זעלבסט־פאטרעט", ווי ער קוקט אראפ פון דער וואנט. עס דאכט זיך, אז ער נעמט ארום מיט זיין בליק אלע בילדער, וואס הענגען דא ארום אים.

א נאקעטע פרוי, מיט נישט דייטלעכע קאנטורן; מיט זער גרויסע בריסטן און א גרויסן בויך, מיט א בייטשל בלויע קרעלן ארום דעם האלז.

א מאן, וואס לייענט א בוך ביים ליכט פון א לאמפ. א רוסישער קאזאק אין זיין גאנצער מענלעכער קראפט, וואס עס דאכט זיך אייך, אז אט שפרינגט ער ארויס פון דער פארגאלדיקטער רעם.

פארשיידענע קעפ, פנימער, יעדער מיט זיין באשטימטן כאראקטער־אויסדרוק.

א בילד: א פרוי אין הערבסט, איינגעהילט אין א שאל, און אלעס ארום איר וועלקט.



א מאן ביי דער ארבעט; זיין קערפער — א געפלעכט פון מוסקולן.

ווידער, א מאן מיט א הונט, וואס די אויגן זאגן, אז ביידע טראכטן עפעס איינער וועגן דעם צווייטן.

ווידער א פרוי נאקעט — א שטיקליידנשאפט גליט אראפ פון דעם לייוונט.

אנטקייגנאיבער דעם „זעלבסט־פאטרעט" הענגט א בילד פון א יונגן ייד, ווי ער שטייט און דאוונט מיט תפילין אויפן קאפ און אויפן ארעם. די רצועות זענען אים פעסט ארומגעוויקלט ארום דעם ארעם, די אויגן זענען אראפגעלאזן צום סדור, וואס ער האלט אין דער האנט. דאס בילד איז געמאלן אין א פארנעפלטער גרויקייט. עס איז שווער צו באשטימען צי עס איז די גרויקייט אויף א נייעם טאג, צי דער ייד דארף נישט זיין דארט, וואו עס איז ליכט...

לאנג האב איך באטראכט אט דאס דאזיקע בילד מיט דעם ייד אין דער גרויער איינזאמקייט, וואס הענגט דא ארומגערינגלט מיט אזויפיל ווארימע, ליידנשאפטלעכע פארבן.

כ׳האב אויך געקוקט אויף דעם קינסטלערס זעלבסט־פאטרעט. עס האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז פון זיינע אויגן קוקט ארויס דער יידישער צער, וואס ליגט אים טיף אין הארצן.

אט דעם גרויען צער און אומעט האט ער ארויסגעברענגט אין דעם איינציקן בילד ווי א ייד דאוונט, אנגעטון מיט די תפלין און מיט דעם סידור אין דער האנט, איינגעהילט אין א גרויען נעפל און איינזאם צווישן אלע.

עלען ווינאגראד

## דורך מיינע אויגן

### איינדרוקן פון אַ רייזע קיין ניו־יאָרק

(א רעדע געהאלטן ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס)

אין דער היינטיקער צייט, ווען אזויפיל מענטשן פארן אהין און צוריק פון אמעריקע, איז פארשטענדלעך, אז אסך נייעס קען נישט געזאגט ווערן וועגן דעם לעבן אויף דער צווייטער זייט ים.

עס איז אָבער א מנהג, אז ווען עמיצער קומט צוריק פון דארט דערוואַרט מען פון אים עפעס צו הערן. איך שטיי נישט דא אלס עקספּאָרט פון אמעריקאנער לעבן. מיין באשיידענער ראפּארט, האף איך, וועט אויפגענומען ווערן אזוי, ווי איך מיין עס: דאס הייסט אפאר לויזע באמערקונגען. איך וויל אויך נישט מאכן קיין פארגלייכונגען; דאס איז קיינמאל נישט גוט. אין ענגלאנד, ווי אויך אין אמעריקע, באגעגן איך זיך שטענדיק מיט דער זעלבע באמערקונג, ד.ה. ווען איך לויב דאס ענגלישע לעבן דארט, קריג איך אן ענטפער: „אויב אלץ איז אזוי גלענצנד אין ענגלאנד, טא צו וואס ביסטו געקומען קיין אמעריקע?" און דא ווידער, „אויב אמעריקע געפעלט דיר אזוי גוט, פארוואס ביסטו דארט נישט געבליבן?" דאס איז, גלויב איך, א נארמאלע רעאקציע פון מענטשן

און איך פיל, אז איך קען קיינמאל נישט פארענטפערן אט די פראגע . . .

פארשטייט זיך, אז איך בין נישט געקומען היינט רעדן וועגן אמעריקאנער לעבן, נאר איבערגעבן אביסל פערזענלעכע איינדרוקן וויאזוי איך זע דאס דורך מיינע אויגן.

וויאזוי זאל איך אנהויבן? איך וועל אנהויבן פון אנהויב; פון דעם טאג, אין וועלכן איך בין אנגעקומען; נישט דערפאר ווייל איך וויל דא דערציילן א לאנגע געשיכטע פון טאג צו טאג, נאר דערפאר ווייל מיין אנקומען איז זער כאראקטעריסטיש. עס האט אזוי געטראפן, אז די שיף איז אנגעקומען דאנערשטיק ביינאכט, דעם 2טן יאנואר, און מיר אלע האבן געדארפט אראפגיין פרייטיק באלד אין דער פרי. נאר אנדערש האט געוואלט דער גורל. א דיקע „פאנע" האט ארומגענומען דעם ים ארום ניו־יארק און עס איז געווען אוממעגלעך אז איר מאיעסטעט, די „קווין־מערי" זאל אריינגיין אין האפן; זענען מיר געבליבן שטיין.

די פראצעדור פאדערט, אז אמעריקאנער אימיגראציע „אפיסערס" מאכן זייער הויפט־קווארטיר אויף דער ערשטער קלאס, און מיר געוועלנלעכע מענטשן קומען ארויף צו זיי, וואו עס הויבט זיך אן א לענגלעכער פראצעס, וואס געדויערט אסך מאל א שיינע עטלעכע פאר שעה. דאס מאל איז אויף דער שיף געפארן א וויכטיקע פערזענלעכקייט — דער סאטמארער רבי מיט זיין סוויטע! נאטירלעך האט ער נישט געקענט אראפגיין פון דער שיף שבת . . . מער, ער האט געמוזט אראפגיין א שיינע פאר שעה פריער, כדי נישט צו פארן אום שבת אויף א באס אדער קאר. (איר ווייסט דאך, אז שבת הויבט זיך אן אין אנהויב יאנואר זער פרי). ער האט באלד צו וויסן געטון דאָס צום קאפיטאן, נישט בלויז פאר זיך און זיין סוויטע, נאר אויך פאר די אלע יידן, וואס זענען געווען פארשריבן אין דער כשרער קיך; און מיר זענען געווען צווישן זיי.

די אמעריקאנער אימיגראציע אויטאריטעטן האבן דאס באטראכט מיטן גרעסטן רעספעקט און האבן גלייך געענדערט זייער פראצעדור. זיי זענען געקומען אַראָפּ אין דער טוריסטן־קלאס, און אין משך פון עטלעכע מינוטן, קען מען זאגן, גלייך דערליידיקט די יידן, לאזנדיק שטיין אלע ווארטן!

איך מיין, אז דאס ווייזט ארויס דעם טיפן רעספעקט פארן אינדיווידועלן מענטש און זיינע רעכט. מען פילט זיך היימיש, מען איז צווישן אייגענע.

נאך אמאל בעט איך נישט צו מאכן קיין פארגלייכונגען.

איצט וויל איך זיך באמיען צו באשרייבן א געווענלעכן טאג אין לעבן — אין דעם פאל, פון א יידישער אקטריסע. מען לייגט זיך שלאפן און מען הויבט זיך אויף מיט יידישקייט; דאס מיינט אין דער פרי. לאמיר אנשטעלן די יידישע ראדיא. וואס הערט זיך עפעס אין יידישן וועלטל 9 אזייגער אין דער פרי? — בענדזשאמין געבינען מיט די נייעס! פארשטייט זיך, אז א גרויסע טייל איז פארנומען מיטן יידישן לעבן; און דאס אליין מאכט איך פילן יידיש. און דאן, איך גלויב איך האב שוין דאס אסך מאל באטאנט, יידישקייט איז נישט באהאלטן אין די ווינקעלעך, עס איז נישט קיין זאך, וואס פארנעמט אפאר



מינוטן פון אייער לעבן. עס איז אין דער לופטן, איר אטעמט מיט דעם, עס שרייט צו אייך אראפ פון די ווענט, פון די שווי־פענסטער, אפילו פון דער ענגלישער צייטונג.

אסך וועלן מיר, אודאי, ענטפערן, אז עס איז דערפאר וואס עס איז, קיין עין־הרע, דאס אזא גרויסע צאל יידן אין ניו־יארק. עס קאן זיין, איך וועל זיך נישט שפארן. דער פאקט בלייבט דער זעלבער: עס איז דא! איז דען אַן אונטערשיד פאַרוואָס?

איך ווייס, אז מען דערווארט פון מיר איך זאל דערציילן וועגן יידיש־טעאטער אין ניו־יארק. די אלגעמיינע מיינונג איז, אז עס עקזיסטירט נישט. און אפשר איז עס אזוי . . . אבער דערווייל, אין פארגלייך מיט אנדערע לענדער — אין דער אלגעמיינער וויסטעניש פון יידיש־טעאטער — קען איך נאר זאגן איין זאך, אז איך האב דארט געזעען שפילן שיין יידיש טעאטער. צו יעדער יידישער פארשטעלונג האב איך מיר געשריבן אַן איבערבליק און ביי א געלעגנהייט וועל איך דאס, מיט אייער דערלויבעניש, פארלייענען פאר אייך.

דאס ערשטע, גלייך ווי איך בין נאר אנגעקומען, האב איך בייגעוואוינט אין „האנטער קאלעדזש". „האנטער קאלעדזש". איז א ריזיקע געביידע, אַן אוניווערזיטעט מיט צאלרייכע זאאלן. איין זאאל, וועלכער ווערט גערונגען אפט פון ארגאניזאציעס און יחידים, נעמט אריין, גלויב איך, לערך 2000 מענטשן. און טאקע אין אט דעם זאאל איז אפגעהאלטן געווארן א שלום־עליכם־פייערונג אויף א גראנדיעזן אופן. מנחם רובין, דער באוואוסטער רעזשיסער און אקטיאר, האט אנגעפירט מיט דער דאזיקער פארשטעלונג.

מיט א גרויסן אנסאמבל פון אקטיארן און אקטריסעס זענען געשפילט געווארן סקיצעס און פראגמענטן פון שלום־עליכמס שריפטן: „טביה דער מילכיקער", „שרה שיינדל" און אזוי ווייטער. א באגייסטערטער עולם האט געשלונגען יעדעס ווארט.

און דא רייסט זיך מיר ארויס אומווילנדיק א פארגלייך. אין לאנדאן, ווען א יידישער אקטיאר האט שוין די „חוצפה" צו געבן אויף א פארשטעלונג, צי א קאנצערט, עפעס פון שלום־עליכם, באגעגנט ער זיך, אין בעסטן פאל, מיט א העפלעכער, גלייכגילטיקער אויפנאמע. אסך מענטשן ווייסן נישט וואס דאס איז אזוינס. „ליידיס" געפינען דאס „בארינג". בלויז א קליינע צאל מענטשן, פארבונדן מיט יידיש־קולטורעלער ארבעט, זענען פאראינטערעסירט. נישט אזוי אין ניו־יארק. שלום־עליכם איז פאר אלעמען! נישט נאר דער יום־טובדיקער ייד, נאר אויך דער וואכעדיקער ווייסט און קוויקט זיך דערמיט.

שרייבער זענען דארט מער באקאנט ווי דא, זיי געהערן מער צו די מאסן און האבן אויך א ווארימערע באציאונג צו מענטשן, ווי דא. צו סימפאזיומס אדער גלעזלעך טיי קומט דארט אַן אנדערער עולם, ווי דא; נישט בלויז מענטשן, וואס האבן נישט וואו צו פארברענגען די צייט, נאר רייכע יידן, פארנומענע סוחרים, עלעגאנטע פרויען פארן ווייט. און אין ניו־יארק פארן, פארט מען טאקע און עס פארנעמט א לאנגע צייט. מען איז ווירקלעך פאראינ־

טערעסירט, מען קוויקט זיך. איך האב אפטמאל געזעען שטראלנדיקע פנימער פון מענטשן, וואס איך וואלט נישט פארדעכטיקט אין קיין שום אינטערעס אין יידישער קולטור.

מיר האבן בייגעוואוינט א פרישטיק, אראנזשירט פון יצחק ליבמאן פון „וואכנבלאט“, אין ראפאפארטס רעסטאראן אויף סעקאנד עוועניו, וואו מאריס שווארץ איז געווען דער גאסט־רעדנער. ליידער לעבט נישט מער יצחק ליב־מאן — א דינאמישער מענטש מיט אן ענערגיע פון א לייב, אבער מיט א שוואכן גוף. ליידער, ליידער איז ער מער נישטא!

אויף דעם פרישטיק זענען געווען אנוועזנד לערך הונדערט און אפשר מער יידישע פרויען און מענער. און עס איז געזאמלט געווארן א באדייטנדיקע סומע געלט פארן „וואכנבלאט“.

צו רעדן וועגן די טויזנטער יידישע אונטערגעמונגען וואלט געדארפט נעמען שעהן. עס איז גענוג צו זאגן, אז איבעראל זינגט מען יידישע פאלקס־לידער, און מען רעציטירט פון די בעסטע דיכטער. רעדנדיק וועגן פאלקס־לידער, מוז איך אייך זאגן, אז איך האב געהערט דארט אין די ראדיא אזעלכע פאלקסלידער, וואס איך האב נאך נישט געהאט געהערט. און איך וועל אייך טאַקע זינגען דאָ צוויי פון זיין — — גארנישט קען זיך גלייכן צום וואונדערבארן געפיל, צום טיפן גענוס און דער סאטיספאקציע ווען מען הערט דעם בארימטן אפערע־זינגער, ריטשארד טאקער, זינגען חזנישע אדער היסטארישע לידער אין א געזונטן, נישט געקינסטלטן יידיש. פונקט אזוי ווי גארנישט קען מיך מער נישט אריטירן ווי א זינגערין, וואס זינגט יידישע פאלקסלידער, ווי „אויפן פריפעטשיק“, מיט א געקינסטלטן יידיש פאר א געקינסטלטן יידישן עולם...

וואס איך וויל ארויסברענגען איז: יידישקייט אין אמעריקע איז נישט קיין יום־טובדיקייט, עס איז פשוט אזוי, ווי עס איז געווען אין דער היים. איך מוז אויך דא, אויף דעם ארט, באצייכענען, אז די יידישע פרעסע אין ניו־יארק, סאי דער „פארווערטס“ סאי דער „טאג־מארגן־זשורנאל“, איז א לעבעדיקע טייל פון יידישן לעבן. זייער קריטיק אדער לויב איז נישט קיין זאך, ווי מען זאגט „עס געפעלט מיר נישט, און איך וואש מיר די הענט דערפון“. ניין, אויב זיי שטראפן יידיש־טעאטער איז עס מיט ליבשאפט, מיט פארשטענדעניש, א חבריש נאנטע באציאונג און א געפיל פון נאענטקייט.

עס איז, גלויב איך, צייט, אז איך זאל זאגן אפאר ווערטער וועגן דער יידישער פרוי אין אמעריקע. מיט קליינע אויסנאמען, איז די יידישע פרוי דארט ווערט דעם גרעסטן לויבגעזאנג. כמעט יעדע פרוי, אחוץ איר היים, ארבעט פאר ישראל און פאר קולטורעלע ארגאניזאציעס. די אמעריקאנער פרוי זיצט נישט אפ א גאנצן נאכמיטאג אין די קאפע־הייזער. איך רעד דאָ נישט פון די זער רייכע, בלאזירטע אמעריקאנערינס. איך רעד פון פרויען ווי מיין אדער אייער מאמע, פון בעל־הבתישע פרויען. עס איז צו באוואונדערן וויפל ארבעט און מי זיי געבן אוועק פאר אנדערע. איך גלויב, אז אונזער גאנצער אוצר,



נאטירלעך אחוץ ישראל, דער גאנצער אוצר פון יידישער קולטור — אונזער גאנצע מאראלישע ירושה — געפינט זיך אין אמעריקע. און זאל גאט העלפן, אז יארן פון שלום און „פראספעריטי“ זאלן דאס אלץ נישט צעשטערן!

עס איז שיין צו דערציילן ווי ביים אוועקפארן, ווען מיר זענען געווען אין גרעסטן „גאווערנמענט־בילדינג“ צו דערליידיקן פארשיידענע פארמאליטעטן, פארבונדן מיט אונזער רייזע, האט א „טרעזשורי־אפישיעל“ אונז געגעבן די האנט און געוואונטשן אונז א „העפי כאנוקא“.

איןביידע טעאטערס שפילט מען וויכטיקע פיעסן, יעדע אויף איר אייגע־נעם אופן; דאס הייסט, אין „עדיוקיישאנעל אלייענס“, אויף איסט־בראדוויי — א דראמע, ספעציעל געשריבן פון יצחק באשעוויס, „א שפיל פארן טייוול“, רעזשיסירט און אויפגעפירט פון יאנאס טורקאוו, מיט אן ערשט־קלאסיקן אנסאמבל; און אין סעקאנד עוועניו, אין אנדערסאנס־טעאטער, גייט א קא־מעדיע, מיט דער וואונדערבארער, שטענדיק־יונגער, מאלי פיקאן, און אן ערשט־קלאסיקן אפערעטן־אנסאמבל. ווער פון אייך עס געדענקט הענריעטא דזשייקאבסאן און דזשוליוס אדלער, קאן איך אייך זאגן, אז זייער זונעלע, ברוסי, וואקסט א וואונדערבארער טאלענט. איך האף, אז ער וועט באשיינען די יידישע בינע.

די פאלקס־בינע פארשטעלונג האב איך נישט געזעען. זיי פירן אויף שלום־עליכמס „טויזנט און איין נאכט“, דראמאטיזירט, רעזשיסירט און אויפ־געפירט פון דוד ליכט. זיי האבן איצט אן אייגן טעאטער, וועלכער איז געווארן ספעציעל געבויט אין „פארווערטס־בילדינג“.

אײן זאַך פון טעאַטער:

אין דעם אלגעמיינעם פעסימיזם, וואס הערשט איצט איבעראל, פריידט מיך צו זאגן אז אין אמעריקע, ווען מען שפילט יידיש־טעאטער, זשומעט עס און רוישט. שוין עטלעכע גאסן פריער ווייסט איר, אז אן אויסגעפוצטער עולם שטראמט, שפאצירט, דיסקוטירט אויף דער גאס און אין די ארומיקע קאפעען און רעסטאראנען.

עס איז נישטא קיין טויטקייט, קיין גליכגילטיקייט. מען גייט זיך אמוזירן. גאר א גרויסער טייל פון יידן אז פאראנטערעסרט אין א בעסערן יידישן טעא־טער. איך בין זיכער, אז עס וועט נישט לאנג געדויערן און אין אמעריקע וועט זיין א בעסער יידיש־טעאטער. עס איז דא גרויסע צאל יידישע אקטיארן און אקטריסעס, זינגערט און זינגערינס, טענצער פון ישראל און טענצער פון טראדיציאנעלע, ווי אויך פאלקס־טענץ.

אחוץביידע טעאטערס טוט דער ארבעטער־רינג און דער נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד, ווי אויך דער הסתדרות, א גרויסע ארבעט. אין אראנזשירן און ארויס שיקן יידיש טרופעס צו שפילן שלום־עליכמס זאכן, און אין אלגעמיין צו פארשפרייטן דאס בעסערע יידישע ווארט. עס ווערן אויפגעפירט יידישע „פעידזשענטס“ פון היסטאריע און פאלקלאר.

איך וויל אויך זאגן אפאר ווערטער וועגן די „גאלדען־רינג קלאבס“. דאס

איז אן ארגאניזאציע פאר מענטשן אין דעם הערבסט פון זייער לעבן. זיי קומען זיך צוזאמען זער אפט. אקטיארן און זינגער קומען זיי מהנאה זיין מיט געזאנג. מען טאנצט און אמוזירט זיך. אויך שרייבער האלטן דארט רעפעראטן. דאס איז אין קיין שום וועג נישט צו פארגלייכן מיט „אלד עידזש“ — היימען. דאס איז גאר אן אנדערע זאך.

איצט, ליבע פריינט, וויל איך רעדן וועגן צוויי ביכער, וואס זענען לעצטנס דערשינען. איך ווייס עס זענען דערשינען אסך אסך מער, נאר איך בין געווען פארבונדן אויף א געוויסן אופן מיט אט די צוויי ביכער. דאס ערשטע — „א קאץ אין געטא“ — א בוך פון דריי דערציילונגען, וואס האט געהאט גאר ריזיקע רעצענזיעס און אפּ האנדלונגען פון די גרעסטע קריטיקער. דער מחבר, ירחמיאל ברוקס, אן איבערגעבליבענער נס־מענטש פון די קרעמאטאריומס, וועלכער פאכעט נאך איצט מיט דער נשמה, אן איידעלער יונגערמאן, ער האט א פרוי מיט צוויי קינדער — אן אינטערנאציאנאלע פאמיליע: ער א לאדזשער, מיין לאנ־דסמאן, די פרוי פון רומעניען און די צוויי מיידעלעך געבוירן אין שוועדן, וואו ער האט פארבראכטן אין א דארטיקן שפיטאל היטלערס טרויעריקע ארבעט. דאס בוך, „א קאץ אין געטא“, איז אויך ארויסגעגעבן געווארן אין ענגליש, מיט א פארווארט פון נישט קיין אנדערן ווי „די ערשטע ליידי אין אמעריקע“, מרס. עלענאר רוזעוועלט.

דאס צווייטע בוך איז פון דוד דענק, אן אקטיאר מיט א גאר גרויסער טעאטער־פארגאנגענהייט. דער טיטל — „הינטער די קוליסן“; א ווערטפולער טעאטער־דאקומענט, גוט געשריבן און שיין אילוסטרירט; א צירונג פאר יעדן, וואס האט ליב יידיש־טעאטער. אט דאס בוך איז דערשינען אין א געוועלעכער־ווי אויך אין א לוקסוס־אויסגאבע. איך פארזיכער אייך. אז איך נעם נישט קיין שום פראצענטער פון דעם פארקויף. איך וויל אבער, אז יידן אין ענגלאנד זאלן וויסן וועגן דער דערשיינונג פון די צוויי וויכטיקע ביכער.

און אזוי קום איך צו דער ענדע פון מיין היינטיקן באריכט. און האב א באשיידענע האפנונג, אז איך האב געוויזן א קליינעם שפיגל פון דער גיגאנטי־שער זאך, וואס איז דאס יידישע לעבן אין אמעריקע.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 16'טן יאַנואַר — אַ רעפעראַט פון סעם לוו „דאָס קומענדיקע יאָר 1960 — דער שלום אין דער וועלט“.

שבת, דעם 23'טן — 100'טן געבוירן יאָר פון ש. ש. פרוג. רעדעס, רעציטירן און זינגען פרוגס לידער.

שבת, דעם 31'טן — שלמה אויערבאַך, איבער פרוגס לידער אין רוסיש.

שבת, דעם 7'טן פעברואר — געווידמעט דעם הונדערטסטן געבוירן יאָר פון דר. טעאָדער הערצעל, דעם שאַפער פונם פּאָליטישן ציוניזם.

שבת, דעם 14'טן באַריכט און דיסקוסיע איבער די קולטור טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש לשון“.

## לאנדאנער קולטור-ידיעות

די שלום עליכם־פייערונג איינגעאָרדנט פון יידישן וועלט קאָנגרעס איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, די שטימונג ביים גרויסן עו־לם איז געווען אַ יום־טובדיקע. די רעדנער זיינען געווען דר. ישראל בראדי, דער טשיף ראַביי, פאול טאַבאַרי פון פ.ע.נ.־קלוב, און יוסף לעפטוויטש. מאיר צעלניקער האָט גע־לייענט אין יידיש, דייוויד קאָסאָף אין ענג־ליש, א ישראל־רעציטאַטאָרין האָט רעציטירט אין העברעאיש און אין יידיש דעם סאָרזיץ האָט געפירט דר. אהרן שטיינבערג.

• • •

דער באַוווסטער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג, האָט געלייענט שלום עליכם הומאָרעסקעס ביי די שבת־נאָכמיטאָגס. דער עולם האָט זיין לייענען אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

• • •

דער שרייבער און קולטור טוער פון פוילן, גאָלדפינגער, איז געווען דער גאַסט ביי די שבת־נאָכמיטאָגס, ער האָט אָפגעגעבן אַ גרוס פון יידישן קולטור־לעבן אין פוילן.

• • •





דאָס אָקטיאָר־פּאָרל, סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד, צוריק־קומענדיק פון זייער נס־עה פון אַמעריקע זיינען אויפגענומען געוואָרן פון פריינט פון יידיש לשון אויף אַ שבת־נאָכמיטאָג, זיי האָבן דערציילט פון יידיש לעבן אין אַמעריקע און מהנה געווען דעם עולם מיט נייער רעציטאַציעס און געזונגען פון זייער רעפּערטואַר פון וועלכע דעם עולם האָט זייער הנאה געהאט. באַגריסט די חשובע געסט האָט נ. רובין. אייזיק גאָלד־בערג האָט זיך באַטייליקט מיט רעציטירן.

אברהם שולמאַן, דער מיטרעדאַקטיאָר פון „אונזער שטימע“, פון פּאַריז, קומט דעם חו־דש אויף אַ באַזוך קיין לאָנדאָן, ווי דער גאַסט פון שרייבער־פעראיין, ער וועט אויפטרעטן דאָ מיט אַ רייע רעפעראַטן ביי ליטעראַטן־פעראיין, ביי „פריינט פון יידיש לשון“, ביי דער בונדישער גרופּע. מיר זאָגן דעם חשובן גאַסט, א ברוך הבא.

• • •

אין רידינג־רום האָט שלומה אויערבאַך געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמא: דער איינפלוס פון חסידות אויף דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. י. ביאַלסקי איז געווען דער פּאָרזיצער. דער אָוונט איז דורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

רחל מירסקי איז אין שפיטאָל אויף אַן אָפּעראַציע, מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

• • •

מאיר צעלניקער, וועלכער האָט געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע איז שוין צוריק ביי זיין אַרבעט און גייט אָן געזונטערהייט.

• • •

אַ בוך מיט פּאָעמען און לידער פון א. נ. שטענצל, אונטערן נאָמען „ווייטשעפּל“, איז אַריין אין דרוקן און וועט אַרויס בקרוב.

• • •

די פּרעזידענטין פון דער וויצ"א אין דער איסט־ענד, רבקה פערשט ע.ה., אַ גרויסע טוערין פאַר ישראל און אַן אינטערעסירטע אין יידישע קולטור־אַרבעט, איז פּלוצלינג געשטאָרבן. עס איז אַ גרויסע אבידה, מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער געבליבענער משפחה.

• • •

הרב המפורסם רבי יהושע שפּעטמאַן, וואָס האָט זיך געפינען איניקע וואָכן אין שפּיטאָל, נאָך אַ האַרץ אַטאַקע, איז שוין צוריק ביי זיין עבודת הקודש.

---

## געערטער רעדאקטאר פון „לשון און לעבן“, פריינט א. נ. שטענצל

דערהאַלטנדיק די יידיש ספרים, „דאָס געזאַנג פון חסידות“, פון מיין חשובן פריינט, בן־עיר פון לובלין, המפורסם מר. נ. שמן, טאָראָנטאָ־קאַנאַדע, האָב איך זיי געליינט מיט גרויס אינטערעס און געפונען זייער וויכטיקע ענינים פאַר אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך אין דער שיטה פון חסידות.

**הרב יהושע שפעטמאן, לאָנדאָן**

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות (המשך)

פערגאַנגענעם חודש האָבן זיך באַטייליקט אין סעמינאַר: רבי אלעזר ספעקטאָר, יעקב ריכטיקער, שלמה אויערבאַך, מאָריס מינ־דעל און יוסף פרענקל. די אַרבעט פון סע־מינאַר גייט אָן מיט גרויס דערפאָלג.

אויף דער חנוכה פייערונג אין בן־אורי האָבן זיך באַטייליקט, שלמה אויערבאַך, י. ביעטש, מנשה וויסגראָז, מאיר באָגדאַנסקי א.א. דער אָוונט האָט צוגעציגן אַ בכבודיקן עולם.

• • •

דער חנוכה־באַל ביי פריינט פון יידיש לשון איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

אויסן ערנאָוונט פון די סטאַרס אין גרענד־פאַלעי־טעאַטער, העגרי גערא און ראָסיטא לאָנדנער, איז געווען אַ גרויסן עולם, וואָס האָבן מיט וויערע כסדרדיקע אַפּלאָדיסמענטן אויסגעדריקט זייער דאַנק די קינסטלער פאַר דעם פיינעם שפּילן דאָ די פאָר חדשים.

דער באַקאַנטער מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָר י. ביאַלסקי, וועלכער האָט זיך אויך קונה שם געווען אויף דעם געביט פון חזנות, האָט איצט פאַרעפנטליכט אַז „אב הרחמים, הוא ירחם", מיט אַמאָדערנעם פּיאַנאָ־אַקאָמפּאַ־נימענט, אויך אַ ליד פאַר דעם „יום העצמ־אות"־מעלאָדיע און ווערטער פון משה קאָנ־סטאַנטינאָווסקי פון בוענאָס־איירעס—איבער־געזעצט דורך דעם ערשטן אין העברעיאיש, און די באַקאַנטע פּאָעמע פון טשערניכאָוו־סקי: „שחקי, שחקי על החלומות". איבער־געזעצט דורך אים אין יידיש.

ביידע אַרויסגעגעבן מיט ביאַלסקי׳ס פּיאַנאָ־אַקאָמפּאַנימענט.

• • •

צום קומענדיקן סעזאָן קומען באַוווּסטע סטאַר־געסט פון ישראל. עס איז צו האָפן אַז די גרענד־פאַלעי־טעאַטער וועט ווייטער אָנגיין מיט גרויס דערפאָלג.

## רעדאַקציע - נאָטיץ

דאָס ליד פון ש. קילשטיין און די מיניאַטורן פון ש. טענענבוים, זיינען שוין אויסגעזעצט און וועלן זיין געדרוקט אין קומענדיקן נומער „לשון און לעבן". ד. ר.


„די אידישע שטימע"

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

WHOLESALE WAREHOUSEMEN

Knitwear - Blouses - Underwear

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


215

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 3־2 (העפט 2־341) איין און צוואַנציקסטער יאָר פעב.־מערץ 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


עד דלא ידע, דער פּרעזידענט און זיין מורה מורינו ........ ** 1
לעאָ קעניג — אַ בן־שבעים! (עסיי) ........ יהודה ביעטש 3
איך אַליין (ליד) ........ שמואל וזהייט 6
„ספר משלי" (מיטיאַטור) ........ ש. טענענבוים 6
צו די וואָלקנס, שטימונג (לידער) ........ עלע זילבערג 7
יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים. די מרדכי ואסתר־עפּאָכע) ........ י. ריכטיגער 8
שלח־מנות (לייכטע פורים־סאַטירעס) ........ שמואל וזהייט 15
וואָס די יידישע ישראל פרעסע שרייבט איבער סימאָן אָסיוויצקי...... בן־תמיר 15
ווּוּס שטייסטו (ליד) ........ ש. קילשטיין 17
ראָטשילדס פידעלע (דערציילונג) ........ אַנטאָן טשעכאָוו 18
די באַלאַדע פון דר. ראָדריגאָ לאָפּעץ, די באַלאַדע פונם פּרעזידענטס אתרוג־פּושקעלע א.א. לידער ........ א. נ. שטענצל 27
מיין באַזוך אין טעאַטער „גרענד פּאַליי" (רעצענזיע) ........ עלען ווינאָגראַד 34
באַריכט פון דער יערלעכער אלגעמיינער פערזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון" ........ מ. וו. 35
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 36
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 36


---

קומט צו אונזער פורים־באַל

זונטיק, דעם 13׳טן **מערץ** — היינט פורים

אין אדלער האַל

---

**פּרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פּרייז: —26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר אַ יאָר


אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS, COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*